STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01453

H. LEYVIK

Jacob Gottlieb

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Betsy & Jason Schneier
in memory of Dr. Harold D. Rosenbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויק

יעקב גאָטליב

ה. לייוויק

זיין ליד און דראַמע

בוכהאַנדלונג „פּאַסאַוליס"
קאַונאַס, 1939

J. GOTLIBAS

H. LEIVIKAS,
jo eilėraštis ir drama

Knygyno „PASAULIO" leidinys

Kaunas, 1939 m.

S. Joselevičiaus spaustuvė,
Kaunas, Laisvės al. 76 Nr.

ביאָ - ביבליאָגראַפישע שטריכן

ה. לייוויק, פסעוודאָנים פון לייוויק האַלפּער, איז געבוירן אין איהומען, מינסקער גובערניע, אין יאָר 1888. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ לערער, וואָס פלעגט לערנען מיידלעך שרייבן און לייענען יידיש. די מוטער — אַ בעקערין. ביז 9 יאָר לערנט ל. אין חדר, דאַן פאָרט ער אַוועק אין שטעטל בערעזינע אין דער ישיבה און פון דאָרט קיין מינסק, וואו ער גרייט זיך פאַר אַ רב. נאָך קינדווייז טיילט זיך ה. ל. אויס מיט מאָדנעם ערנסט און שווייגן. זיין פאָטער, אַ שטאָלצער [illegible]אטור, א כהן און כעסן, האָט די געקריוודעטקייט וואָס [illegible]ט געטראָגן אין זיך מחמת זיין אָרעמקייט, אויסגעלאָזט גאַנץ אָפט צום בכור, צו לייוויקן. און ל. האָט שוין אין זיין קינדהייט פארנומען דעם עלנד און די געבראָכנקייט פון מענטשן. שפּעטער, אַלס דיכטער, האָט ל. זיין טאטע־געשטאַלט אריינגענומען אין זיינע לידער און אויך — אַלס פראָטאָטיפּ — אין א טייל פון זיינע דראַמעס. אָבער די טאַטע־געשטאַלט איז ניט די איינציקע פון די יוגנט־יאָרן, וואָס ל. נעמט אריין נאָכהער אין זיין שאפן. אין שטעטל איז אויך געווען אַ וואַסערטרעגער, וועלכן מען האָט גערופן „מענדל נאַרי", אָבער וועלכן דער יונגער ל. האָט געהאַלטן פאַר אַ לאַמעד־וואָווניק... אחוץ מענדל וואסערטרעגער זיינען אין זיין היימשטעטל געווען נאָך אַ פּאָר געשטאַלטן וואָס האָבן לייוויקן אין זיין קינדהייט שטארק פאראינטערעסירט: חיים לוריע, אַ וואנזיניקער, א הינקעדיקער, ביי וועמען די קינדער פלעגן צוכאפּן די קוליע, און לוריע פלעגט אַ פאַרלאָרענער, אַ שעלטנדיקער מחמת עלנד און כעס, אַרויסרופן ביי לייוויקן אַ

ביטערן רחמנות, און דעם פּריצס זון, וועלכן דער פּריץ האָט, ניט וועלנדיק אים פאַרשיקן אין אַ משוגעים־הויז, איינגעשפּאַרט אויף אַ קייט אין אַ קליין מויערל פון איין צימער אין ווינקל פון הויף. יאָרן שפּעטער — דערציילט שלמה סימאָן אין זיין „ה. לייוויקס קינדער־יאָרן" — איז פון מענדל נאָר געוואָרן דער „גולם", פון חיים לוריע — תנחום און פון פּריצס זונס הייזל — דער פּינפער־טורעם... אָבער מענדל נאָר איז ביי לייוויקן אין די ווערק אויסגעוואַקסן צו אַ זעלבסטשטענדיקע געשטאַלט סיי אין אַ גאַנצער ריי פון זיינע לידער און סיי אַלס פּאַראַלעלע הויפּט־פיגור אין זיין דראַמע „הירש לעקערט".

צו זעכצן יאָר הויבט אָן ה. ל. צו לייענען העברעאישע ביכלעך און צו שרייבן העברעאישע שירים. צוליב אברהם מאפּוס „אהבת־ציון" ווערט ער אויסגעשלאָסן פון ישיבה, אַרויסגייענדיק פון דער ישיבה באַשעפטיקט זיך ה. ל. מיט לערערייַ. צו יענער צייט פאַרבינדט ער זיך מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג „בונד" און ווערט אריינגעצויגן אין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. 1906 ווערט ער פאַרמשפּט פאַרן גערערן צום בונד אויף 4 יאָר קאַטאָרגע, וועלכע ער קומט אָפּ אין מאָסקווער טורמע „בוטירקי". פון דאָרט געדרוקט זיינע ערשטע לידער אין „צייט־גייסט", ניו־יאָרק, 1907. נאָכן אָפּקומען דעם טערמין קאַטאָרגע, ווערט ער אין 1912 פאַרשיקט אויף זיין גאַנצן לעבן קיין סיביר, וואו אַ יאָר צייט פאַרבראַכט אין אַ דערפל פון אירקוטסקער גובערניע. סוף 1913 אנטלויפט ער פון פאַרשיקונג און קומט אָן קיין ניו־יאָרק וואו ער פאַרנעמט זיך מיט פיזישער אַרבעט. אין ניו־יאָרק דערנענטערט ער זיך צו דער גרופּע „יונגע", וואָס האָט געעפנט אַ ניי קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור און נעמט אָנטייל אין אַלע זייערע זאַמלביכער, ווי „ליטעראַטור און לעבן", „איסט בראָדוויי", „דער אינזל", „שריפטן" א. א. זיין ערשט בוך „לידער פון ה. לייוויק", וואָס דערשיינט אין 1919 שענקט דעם יונגן דיכטער אַן אויסגעטיילט אָרט אין דער

יידישער פּאָעזיע. אין 1921 דערשיינט ה. לייוויקס מאָנו־ מענטאַל ווערק „דער גולם" מיט וועלכן דער דיכטער איז זיך קונה שם. דאָס ווערק שטעלט אַוועק ה. לייוויקן אין צענטער פון דער יידישער דיכטונג. בעל־מחשבות, דער שעפער פון דער יידישער קריטיק שרייבט וועגן ווערק צ. א.: „לייוויקס גולם" איז די ערשטע פארטראכטע יידישע מ י ס־ ט ע ר י ע, וואָס מיר באזיצן אין דער הייַנטיקער ליטעראַ־ טור. זי איז דורכגעזאפּט מיט אַזאַ נאַאיוון גלויבן, מיט אַזאַ ברענענדיקן פאנאטיזם, מיט אַזאַ שטיקנדיקער היילנ־ לופט, מיט אַזאַ פיבערישער מיסטישער הכרה, וואָס מיר האָבן דאָס נאָך ביזאהער ניט דערלעבט ביי א יידישן שריפטשטע־ לער". אַ גרויסן דערפאָלג האָט אויך ה. לייוויקס ערשטע דראַ־ מע „שמאטעס" — אין אָנהייב 1922 אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן קונסט־טעאטער פון מאָריס־שווארץ. אין 1923 ווערט דורכן זעלבן טעאטער אויך אויסגעפירט ה. ל־ס דראמע „די אָרעמע מלוכה" א. ט. „בעטלער". פון יענער צייט ביז איצט פארעפנטלעכט ה. לייוויק אין פאַרשיידענע פארלאגן (צ. א. אין פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואָס גיט אַרויס ה. ל־ס גע־ קליבענע ווערק) זיינע דראמעס „באנקראָט", „שאָפּ", „הירש לעקערט", „קייטן", זיינע לידער־ביכער: „הינטערן שלאָס", „אין קיינעמס לאַנד", „נייע לידער" (פאַרלאַג פריינט, ניו־יאָרק 1932).

דער טורמע־ און פארשיקונג־פעריאָד אין צאַרישן רוס־ לאַנד ווירקט שווער אויף לייוויקס געזונט־צושטאַנד, אַזוי, אַז ער מוז יאָרן פאַרברענגען אין סאַנאַטאָריומס, גאנץ באזונ־ דערש אין דענווער־סאַנאַטאָריום, קאָלאָראדאָ. דאָרט שרייבט ה. ל. זיין גרויס ווערק „די גאולה־קאָמעדיע" (דער גולם חלומט), צווייטער טייל פון „גולם", זיין בוך „לידער פון גן עדן", די ביבלישע דראַמעס „די עקדה", „סדום".

אין 1936 הייבט אָן דערשיינען אונטער ה. לייוויקס (צוזאַ־ מען מיט י. אָפּאַטאָשו) רעדאקציע די „זאמלביכער", וואו

ה. ל. פאַרעפנטלעכט אין 1־טן באַנד זיין דראַמאַטישע פּאָע־מע ,,אַבעלאר און העלואיזי״ און אין דריטן באַנד זיין דראַמע ,,דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד״. ה. ל. האָט רעדאגירט פארשיידענע ליטעראַרישע שריפטן און איז אויך באַקאַנט ווי אַ גלענצנדיקער עסייאיסט. לייוויק איז אויך אקטיוו קולטור־געזעלשאפטלעך, האָט אָנטיילגענומען אַלס דעלעגאט פון יידישן פען־קלוב אפן פען־קאָנגרעס אין בוענאָס־איירעס, אין 1936, ווייזט ארויס צוגעבונדנקייט צו דער גאָרער יידישער צושפּרייטקייט דורך זיינע באזוכן אין די יידישע ישובים פון פוילן, ראַטן־פארבאנד א. אַ. אין 1937 נעמט ה. לייוויק אָנ־טייל ווי איינער פון די הויפט־פירער, אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. דעם זעלבן יאָר באזוכט ה. לייוויק ארץ־ישראל. זיינע איינדרוקן פון ארץ־ישראל, געשריבן אין א טיף - פּאָע־טישן סטיל, פול מיט אַזוי פיל געמיט און פארשטענדעניש פאַר די ווייען און פריידן פון ישוב, מאכן א גוואלטיקן איינ־דרוק. לייוויק פארעפנטלעכט איצט גאנצע סעריעס לידער, וואָס זיינען געבונדן מיט זיין איי־באזוך. פון לייוויקס לעצ־טע ווערק איז אויך צו דערמאָנען זיין דראַמע ,,ווער איז ווער״, וואָס ווערט אויפגעפירט פון מאָריס שווארץ־קונסט־טעאטער. ה. לייוויקס דראַמעס צ. ז. ,,דער גולם״, ,,די גאולה־קאָמעדיע״, ,,קייטן״, ,,שאָפּ״, ,,סדום״ א. אַ. געהערן אויך צו די ווינקל־שטיינער אינם רעפערטואר פון די ארץ־ישראל־טעאטערן ,,הבימה״ און ,,אהל״. 1939 ווערט דורך דער גאנצער יידי־שער קולטור־וועלט געיום־טוביט ה. לייוויקס 50־יאָריקער גע־בוירנטאָג.

א. די מוזיק פון קייטן

מיר נעמען די זאמלונג פון ה. לייוויקס ערשטע לידער „הינטערן שלאָס" אין האנט אריין און מיר פרעגן זיך: וואו ליגט דאָ פארבאהאלטן יענער טיפער כוח וואָס האָט דער־בראכט דערצו, אז שוין אָט־די ערשטע לידער זאָלן דעם דיכטער אויסטיילן, אָנצייכענען זיין וועג ווי אַ צענטראַלע געשטאַלט אין אונדזער דיכטונג? דוכט זיך אזא ניט – גע־פּוצטקייט אין סטיל, אזא אויסגעטאָגענקייט פון באזונדערן ריטם־ און בילד־באַלאַסט, אזא דורכזיכטיקע פשטות, אזא ניט – קאָמפּליצירטער פערז, וואָס גרענעצט זיך שיר – שיר מיט פאָלקסליד, און דאָך — וואָס פארא באוווירקנדיקע צווי־בער – פעדים איעדער ליד שטראַלט פון זיך ארויס, אזש ביזן אריינגעמען דעם לייענער אין אן אויסטערלישן כשוף – קרייז, אין אַ מין ליכטיקן נעפּל, פון וועלכן מען קען זיך ניט ארויס־באפרייען.

פארטיפן מיר זיך עטוואָס מער אין די לידער, הייבן מיר אָן צו באגרייפן זייער כוח. ס'איז קודם־כל די קראַפט פון אַ פערזענלעכקייט, וואָס שטייט אין הינטערגרונט פון די לידער און הייבט זיי אריבער איבער די ראַמען פון דורכ־שניטלעכער פּאָעזיע. ס'איז עפּעס אזוינס, וואָס איז מער ווי סתם – ליריק; וואָס ווערט ארויסגעשניטן פון לייב – און – לעבן ארויס, ווערט אויסגעטיילט פון זיך מיט בלוט און יסורים. ווייל כאָטש די לידער זיינען אזוי קלאָר און געלייי־טערט, לויכטנדיק מיט זייער גרינגקייט און דינקייט ווי גע־שליפן גלאָז, איז דאָך דאָ אין זיי אַן אינהאַלטלעכע אָנגע־לאָדנקייט, וואָס שטעקט מיט די וואָרצלען אין אייגנאַרטיקן

כאַראַקטער און אייגנאַרטיקן לעבנסוועג פון ה. לייוויק.

מיר באַקענען זיך מיט אַ דיכטער, וואָס שוין די יוגנט זיינע איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען ניט מיט אַ זוניקן שמייכל אויפן געזיכט, נאָר מיט אַ גרימאַסע פון עלנד:

נאָך יינגלווייס, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
האָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן,
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פונדערווייטן,
אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן.
איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליידן־שווייגן —
האָב איך דעם שווייגן זייערן אין זיך פאַרנומען,
און עפּעס פאָרגעשטעלט זיך ווייט אין ווייטער עלטער,
עפּעס גרויסעס, וואונדערלעכעס וועט פון ליידן קומען...

שוין אין די צוויי פערזן פון איינעם פון לייוויקס ערשטע לידער, קוקט אַרויס צו אונדז דער פּאָרטרעט פון דיכטער „יינגלווייס", ווען זיין לעבנסבילד איז נאָך פאַר אים אַליין געלעגן איינגעהילט אין די נעפּלען פון דער צוקונפט. שוין דאַן האָט דער דיכטער, וואָס האָט זיך „פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן" — „געלעבט מיט זיך אַליין", אָבער שוין דאַן האָט דער דיכטער גלייכצייטיק „געזען, ווי מענטשן ליידן־שווייגן" און האָט „דעם שווייגן זייערן אין זיך פאַרנומען"... שוין דאַן, זאָגט אונדז לייוויק אַ קלאָר עדות, האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט, הגם נאָך אונטערבאַוואוסטזיניק, אין דער אינערלעכקייט פון זיין וועזן, אָט־די מערקווירדיקע צוויי־איינִיקייט, וואָס טיילט אַזוי עד היום אוים לייוויקס שאַפן: זיין איינצייטיק זיין מיט זיך — און מיט דער יוגנט מיט אייגענער אין זיך אַליין ־ פאַרבאַהאַלטנקייט — און מיטן „ליידן ־ שווייגן" פון מענטשן, אָט ־ דאָס, וואָס [illegible] שוין דאַן געבראַכט צום דיכטערס פאָרשטעלן זיך אַז „ווייט אין ווייטער עלטער", וועט „עפּעס גרויסעס, וואונדערלעכעס פון ליידן קומען"...

אָבער איידער מיר קומען צו און רירן אָן אָט דאָס „גרוי־

סעם, וואונדערלעכעם׳׳, וואָס ה. לייוויק האָט אין ווייטער־
דיקן שאַפונגסוועג פון ליידן אַרויסבאַקומען, גייען מיט מיט
מיטן דיכטערס ערשטע טריט אויף זיין פאַרזיכדיקן און צור־
גלייך וועלטישן לעבנסוועג. ה. לייוויקס לעבנסוועג און ליד־
וועג פירט פון זיין ,,יינגלוויים׳׳ - תקופה — צו קאַזעמאַט
און צו די רחבות׳דיקע, ווייט - ווייסע שנייען פון סיביר...
ווי דער גורל אַליין וואָלט דעם דיכטער אַזאַ לעבן אָנגע־
וואָרפן, וואָס זאָל דערפילן און דערגאַנצן זיינע יינגלשע דער־
וואַרטונגען און זעאונגען. דאָס געפיל פון ליידן, איינגן ליידן
גע׳כפל׳ט אויף מענטשלעכע ליידן, בלייבט ניט ביים יינגל־
דיכטער אין זיין עמבריאָנאַלן פורעם. עס שטויסט אים צו
מעשים, צו טאַט. ער פאַרבינדט זיך מיט רעוואָלוציאָנערע
אַרבעטער - קרייזלעך פון ,,בונד׳׳ אין פינצטערן, צאַרישן
רוסלאַנד, ביז וואַנען ער קומט צו דער מדרגה אַדורכצוגיין
אויך פיזיש דעם שרעק - און שוידער - טונעל, וואָס האָט
געפירט דעם רעוואָלוציאָנער דורך די רוסישע קאַזעמאַטן
ביזן עלנדן, מיט קייטן - קלאַנג אָנגעפילטן שניילאַנד —
סיביר. און דער ערשטער שטאַרקער אַקאָרד וואָס ה. לייוויק
האָט געלאָזט אויפקלינגען אין דער יידישער דיכטונג איז —
זיין סיביר - ליד.

אויך פריער, פאַר ה. לייוויקס אָנקום, האָבן מיר סיביר־
מאָטיוון אין אונדזער פּאָעזיע. די סאָציאַלע ליריק פונם דור
פון ווינטשעווסקי, עדלשטאַט, באָוושאָווער, ראָזנפעלד, האָט
דעם סיביר — קאָנקרעטער: קייטן - מאָטיוו געמאַכט פאַר אַ
קנין פון יידישן ליד. אויך א. ליעסינס ,,דאָרט, וואו עס
קייקלט די לענע׳׳, האָט נאָך ה. לייוויק געהערט זיצנדיק אין
מינסקער טורמע. אויך א. רייזענס ,,הוליעט, הוליעט, בייזע
ווינטן׳׳, אַ ליד מיט קייטן - קלאַנג אין זיך, האָט ה. לייוויק
געזונגען צוזאַמען מיט חברים - אַרעסטאַנטן. און זיכער
האָט לייוויק אין זיין ליד שטאַרקע פעדים וואָס פאַרבינדן
אים מיט די אויבנדערמאָנטע דיכטער, באַזונדערש מיט ליע־

סינען, אָבער דאָך איז זיין סיביר - ליד אַנדערש, אייגן, אויס־געטיילט:

אויף די וועגן סיבירער
קען עמעץ נאָך איצטער געפינען אַ קנעפּל, אַ שטריקל
פון מיינס אַ צעריסענעם שוך,
אַ רימענעם פּאַס, פון אַ ליימענעם קריגל אַ שטיקל,
אַ בלעטל פון הייליקן בוך.

אויף די טייכן סיבירער
קען עמעץ נאָך איצטער געפינען אַ צייכן, אַ שפּענדל
פון מיינס אַ דערטרונקענעם פּליט;
אין וואַלד — אַ פאַרבלוטיקט - פאַרטריקנטן בענדל,
אין שניי איינגעפרוירענע טריט...

דאָס זיינען שורות וואָס פאַרבינדן ניט סיביר מיט זיין דירעקטער אַסאָציאַציע: קאַמף. אין די קאָנטורן פון דער סיבירער לאַנדשאַפט, פון שניי - פּייזאַזש, וואָס איז גע־צייכנט מיט „איינגעפרוירענע טריט", אין דעם אַלעם ליגט איינגעקנעטן אַ געמיט פון אַ מענטשן, אַן איינזאַם - ליידנ־דיקן, אַן אין זיך אַליין איינגעשלאָסענעם. אין גאַנצן ציקל סיביר - לידער, הן אין די וואָס שפּיגלען אין זיך אָפּ טרויע־ריקע פיר ווענט פון תפיסה - צעל, הן אין די, וואו עס שפּילט די זעאונג פון פרייד און ליבשאַפט, וואָס פאַרטראָגט אַזש ביז מיראַזש, ווי אין דער סעריע „אין שניי" וויברירט די טרויעריקע מוזיק פון קייטן... —

מיר אַלע — ווי שאָטנס
אין קאַמער אין טויטן...
און שרעקט אייך די שטילקייט,
טאָ — טרייסלט די קייטן!...

און אָט־די קייטן - מוזיק, וואָס קומט צו פאַרשרייען די שטילקייט, דאָס איז עס, וואָס פאַרוואַנדלט ה. לייוויקס סי־ביר - לידער אין אויסגעטיילטקייט. „סיביר" איז פאַר לײ־

וויקן ניט קיין „טעמע״, ניט קיין „מאָטיוו״, ס׳איז אַן אויס־שטראַלונג פון זיין יש, פון זיין געמיט, און דערפאַר — די איבערראַשנדיקע אויפריכטיקייט, וואָס איז שוין במילא גע־בונדן מיט דורכגעטראָגענער פשטות. אַזעלכע לידער פאַר־טראָגן צום ביז די וואָרצלען פון דער נשמה שלאָגנדיקן טאָן פון וויעראַ פיגנערס מעמואַרן; צו דעם אויסגעליטענעם, אויסגעאיידלטן סטיל פון אָסקאַר ווײַלד׳ס „דע פּראָפונדיס״; צו ווערק וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיט קייטן אויף די הענט.

אָבער דורך אָט־דער יחידישער ליד - סימפאָניע, וואָס אַ דיכטעריש געמיט שפּילט אויף אין שטיל - קלאָרע טענער פאַר זיך אַליין, שלאָגט דורך אַ ראַשיק - אויפבליצנדיקער טאָן, וואָס פאַרבּרידערט דעם דיכטערס אַלייניקייט - ל׳ד מיטן ליידן - שוויגן פון מענטשן, אַ טאָן פון:

בּיסט ניט דער ערשטער אין צעל,
וועסט ניט דער לעצטער אויך זיין...

ס׳ווערט געבוירן יענער קינד, וועגן וועלכן דער דיכטער דערציילט, אַז זיין קומען אויף דער וועלט איז געווען אַ־ין אַ קליין, נידעריק שטיבל „אין ווייטן געפרוירענעם לאַנד״, ווען „עס האָט נאָך די מוטער איר אָטעם - צוג דעם לעצטן נאָך ניט אויסגעהויכט״; דאָס קינד וואָס זאָגט אָן מיט זיין געשריי אַ קומענדיקן לעבן ביים סאַמע ראַנד פון פינצטער־ניש, פאַרוואָרפנקייט, טויט:

דורך טרויער מוז קומען, דורך ווייטאָגן
דאָס נייע דערוואַרטעטע קינד.

די איידעלע, אָבער גענוג פעסטע בּריק, פון דיכטערס אינ־דיווידועל געזאַנג צו דער וועלט איז פאַרוואָרפן.

ב. אין אייביקן בּונד

דאָס ערשטע וואָס איז דעם דיכטער אַנטקעגנגעקומען אַף זיין לעבנסוועג, איז—ליד. איז דעריבער ליד געוואָרן דער

ערשטער און לייטנדיקער מאָטיוו אין ה. לייוויקס ליד־וועלט. אָבער לייוויקס ליד - מאָטיוו איז נישט קיין פּרוכט פון אַבסטראַקטער וועלט - שמערצלעריי. אַ פּיל - קאָנקרעטערער באָדן נערט די וואָרצלען פון ה. לייוויקס ליד - מאָטיוו. ס'איז זיין אייגן, פּערזענלעך לעבן, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך כלעריי צער - הייל, מיטן אָנהייב אַזש אין סיביר, אין אויסטראָגן אויפן אייגענעם געביין פּייניקונגען און יסו־רים פאַר זיין רעוואָלוציאָנערן אמת; זיין פאָלק — אין זיין ווירקלעכקייט - צושטאַנד, ווי אין זיין מאַרטיראָלאָגישער גע־שיכטלעכקייט, וואָס דער דיכטער האָט אין זיך אַריינגענו־מען; זיין צייט מיט אַלע אירע יסורים און ראַנגלענישן.

לייוויקס מאַגנעטישע וואָרט - קראַפט, אָט - יענער כוח, וואָס פרעסט־צו אין לייוויקס ליד יחידישן ווי צום ווי פון דער וועלט, אָט־דער צוזאַמענגעגאָסענער סינטעז פון איך און מענטש, וואָס טיילט אויס שוין אין ערשטן אָנבליק פון לייוויקס ליד, דאָס אייגנאַרטיק - לייוויקישע אין דער יידי־שער דיכטונג, האָט דעם דיכטער ניט דערלאָזן צו בלייבן אַן אָפּגעשלאָסענער אין זיינע קאָזמאָטישע דלד אמות, אַן איינגעשפּונענער אין די מיראַזש - פּעדעם, וואָס דער סיבי־רער שניי האָט אין זיין געמיט פונאַנדערגעפּעדעמט. ס'קומט דער פּראָצעס פון רייסן זיך צום „פאַרבאָטענעם לאַנד", וואָס הייסט שוין אין לייוויקס ווייטערדיקן ליד - מהלך „אין קיי־נעמס לאַנד". ס'קומט דאָס געפיל פון —

וו״יט פאַר איינעם, נאָנט פאַר צוויי

איז דער וועג צו קיינעמס לאַנד.

אָט־דאָס באַוואוסטזיין פון צווייאיקן גאַנג וואָס דערנענ־טערט צו זיך די טויערן פון „קיינעמס לאַנד" (וואָס פּאַראַ משונהדיק - קאָנקרעטע אויסטייטשונג אונדזער גרויזאַמע צייט האָט אָט דעם לייוויקישן סימבאָל געגעבן!), הייבט אָן צו קלאַפּן אין זיין ליד מיט אַן אַלץ שטאַרקער - ווערנדיקן פּולס - שלאַג. אויך אין זיין צווייטן בוך, איז לייוויק מיט זיך,

מיט זײַנע איבערלעבונגען און זעאונגען, מיט זײַנע זימבאָלן. די טיפע אומהיימלעכקייט, וואָס שפּרייט זיך אין הינטערגרונט פון אָט־דעם אומהיימלעכן בוך, קוואַלט קודם־כל אַרויס פון דיכטערס זעל, פון זײַן געמיט, וואָס האָט פון די סיבירער שנייען אַוועקגעטראָגן קיין ניו־יאָרק זײַן גורל, די ריסן פון זײַן נשמה, די תהומיקייט, וואָס קוקט אַרויס פון זיי און שרעקט מיט נאַכט און טויט. אויך דאָ איז לייוויק דער אַרײַנבליקער אין זיך אַליין, אויך דאָ ברענגט ער מיט זיך, נאָך אין אַן אַלץ שאַרפער ־ ווערנדיקער פאָרם, די אַלטע ראַנגלענישן, וואָס זײַן בליק שעפּט פון זיך אַליין אַרויס, פון סאַמע דנאָ פון זײַן נשמה; ראַנגלענישן וואָס עס וועט אונדז נאָך אויסקומען זיי צו באַטראַכטן ווייטער. אין הינטערגרונט פון בוך שטייט שוין אָבער פולגעשטאַלטיק די צײַט, די תקופה, וואָס דיקטירט דעם דיכטער אויפצושרײַבן אַזעלכע גרויזאַמע שורות, ווי:

דער פּאָרגעפּיל פון אומגליק עפּנט אויף אין מיר
די אַנדערע, די נאַכטיקע צוויי אויגן, —
דאַן זע איך אויך דעם האַלדז, וואָס שרײַט דעם אויסגעשריי
פון אונטער אַלע ווענט...

אָט־דעם האַלדז „וואָס שרײַט דעם אויסגעשריי פון אונטער אַלע ווענט” לאָזט דער דיכטער אונדז זען סײַ אין אַזאַ ליד ווי „קלינגט אין די גלאָקן פון אויפשטאַנד”, אַ טיפּיש צײַט־ליד, פון יענער מלחמה ־ און רעוואָלוציע ־תקופה, וואָס שטעמפּלט דעם ווייטערדיקן, נאָך ־ סיבירישן ליד ־ גאַנג לייוויקס; סײַ אין אַזאַ ליד ווי „אַז די הויכע מויערן”, וואו זעאונגען פון אונטערגאַנג שטעלן זיך אַרויס אַנטקעגן אונדזערע זעלישע אויגן, ווי אײַנזאַמע פעלזן, סײַ אין די „פערזן”, וואו דער דיכטער פלעכט אַרײַן אַזוי אוממיטלבאַר זײַן אויפגעשווידערטן געמיט ־ צושטאַנד אין געמיט ־ צושטאַנד פון אַ דור. ווי אַ לייט ־ מאָטיוו קלינגען אָבער דורך

אַט־דעם גאַנצן לידער־טייל פון בוך די שורות פון דיכטער אין זיין באַצווייגנענדיק ליד „ליכטיקע לאַמפּן״:

איך האָב אין אייביקן בונד זיך געבונדן
צו די נשמות פון גופן, וואָס זייַנען פון לאַנג
שוין פאַרשוואונדן.

און ווייטער:

איך האָב אין אייביקן בונד זיך געבונדן
צו די נשמות פון גופן, וואָס דאַרפן ערשט ווערן
פאַרשוואונדן.

* אַט־דער „אייביקער בונד״ לייוויקס פירט דעם דיכטער און זיין ליד דירעקט צו יענע גופן, וואָס די גרויזאַמע תקופה, וועלכע שפּיגלט זיך אין זיין דאָזיקן ווערק, האָט באַזונדערס געטראָפן — צו די גופן פון זיין ראַסע.

אויב אין די סיביר - לידער האָט לייוויק אָנגעצייכנט די ערשטע קאָנטורן פון זיין סאָציאַל ליד, וואָס האָט זיך אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג צו גאָר־אויסטערלישע הייכן דערהייבן, קומט זיין בוך „אין קיינעמס לאַנד״ און ווייזט אונדז קודם דעם דיכטערס ראַסע - געבונדנקייט, זיין אויפ־נעמען אין זיך די גרויסע יסורים, וואָס זיין פאָלק האָט דורכ־געליטן אין דער צייט פון חלוף - משמרות, פון פעלקער - שלאַכטן און לענדער - שריפות, אין וועלכער אייראָפּע איז איינגעזונקען במשך פון וועלט - קריג. און פונקט ווי אין זיינע סיביר - לידער איז דאָס אויפנעמען „לייד״ ווי אַ גרונט־געפיל פון דיכטערס שאַפן — אַן ארויסשטראָם פון זיין אייגענעם איך, פון די זעלישע היילן פון זיין וועזן, אַזוי איז אויך ה. לייוויקס אויפנעמען די גרויליקע תקופה אין יידישן לעבן, וואָס קומט צום פאַרשיין אין די פּאָעמעס „דער וואָלף״ און „די שטאָל״. דער דיכטער האָט זיך דאָ פולקום צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין ליד, אַזוי, אַז עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די פּאָעמעס זיינען ארויסגעריסענע בלע־טער פון זיין אייגענעם לעבנסבוך. מלחמות, רעוואָלוציעס

און פאַגראַמען האָבן געפּאַסעוועט שטיקער פון פאָלקסלייב, און דאָס געוויין פון געפּאַסעוועטן לייב האָט לייוויק ווי אַ שוואָם אַריינגעזאַפּט אין זיינע בלוטן.

סיי אין „וואָלף” און סיי אין „שטאָל” איז צו טויבן דעם אינזיכיקן דיכטער, דעם אַריינגעוועבטן אין זיין אייגענעם כשוף - רינג, דעם איינגעשלאָסענעם אין די איגערע וועלטן פון זיין וואָרט. אָבער די קראַפט פון זיין בילד, די אָנגעגליטקייט פון סטיל, די אויסגעהאַמערטקייט פון ריטם, וואָס איז געקנאָטן סיי פון לירישן, סיי פון עפּישן מאַטעריאַל, שלאָגן אַרויס ווי פלאַמען - צונגען פון אַ ברענענדיק הויז, פון אַלע דורכגענג און עפענונגען פון דער פּאָעמע, נעמען אַרום דאָס געמיט פון לייענער מיט פייערדיקע אָרעמס, באַוועלטיקן אים. ה. לייוויק האָט אין דער פּאָעמע סטיליזירט די אַלטע כראָניק - פאָרם, וואָס טראָגט אין זיך אַזאַ שלל פון אייגנטימלעכע פאָלקסאויסדרוקן. אָבער די כראָניק - פאָרם איז דאָ נאָר ווי אַ פּאַנצער אויף אַ ריין - דיכטערישער גרויל - זעאונג, וועלכע ה. לייוויק האָט מיט פעסטע הענט צונויפגעשמידט און איינגעראַמט אין זיין פּאָעמע. די גרינטלעכע וויזיאָנערע שילדערונג פון דער פאַרוואַנדלונג בין רב אין וואָלף, אַ פאַרוואַנדלונג וואָס האָט צו זיך קיין פאַרגלייך ניט אין אונדזער וואָרט - שאַפן, דערשיטערט ביזן גרונט פון אונדזער צעל...

...און אַז דער רב האָט געוואָלט פאַר אימה
פאַרדעקן די אויגן מיט די הענט —
האָט ער דערזען, ווי זיינע פינגער גיסן זיך צוזאַמען,
און קייקלען זיך אויף און פאַרשפּיצן זיך
מיט לאַנגע אויסגעבויגענע האַרטע נעגל;
און איבערן רוקן, האָט ער דערפילט, ווי עמיצער
טוט אים אָן
אַ צוזאַמענגעדרייטע רייף און שמידט צוזאַמען
זיין נאַקן און אַרונטערגעפאַלענע פּלייצעס.

און זיינע אויערן האָבן אָנגעהויבן זיך ציען
און אַרונטערלאָזן זיך,
און די צונג אין זיין מויל אַרויסשלאָגן זיך
פון אונטערן גומען,
און קנוילן זיך און שפּאַרן זיך פון צווישן די ציין,
און גליטשן זיך און אַרויסשטעקן אַלץ לענגער
און לענגער,
און זיינע אויגן האָבן גענומען אויפלויפן
און דרייען זיך אונטער די ברעמען ווי קיילעכדיקע
רעדלעך,
און צינדן זיך אין פּראַסטיקע גרינע פייערן...

ס'איז גענוג אַט־די ציטאַטע, בכדי צו באַקומען אַן אָנונג פון ה. לייוויקס אויסטערלישע שילדערונג ־ קראַפט אין דער פּאָעמע. ס'איז אייגנטלעך מער אַן אויסלאָדן פון זיך פונ־לאַנג ־ אַריינגעזאַפּטע גרויל ־ בילדער, ווי דאָס וואָס מ'ר קענען באַטיטלען מיטן וואָרט „שילדערונג". הן די אידיי, וואָס ווערט אין דער פּאָעמע צום פּאַרשיין געבראַכט, די אידיי פון מיטשולד, וואָס האָט דעם לעבנגעבליבענעם רב פון דעם חורבן יישוב געצוואונגען צו זיין וואָלף ־ פאַרוואַנדלונג, וואָס ברענגט אים לסוף צו יענער געגאַרטער „מיתה משונה", דורך וועלכער דער רב איז זיך ווידער צוזאַמענגעקומען מיטן גורל פון זיינע ברידער, הן די גאַנצע פינצטערניש און דעם גאַרן עלנד פון יענער תקופה, וואָס דער דיכטער האָט אַזוי מייסטערהאַפט אָנגעוויט אין זיין פּאָעמע ־ רוים, דערהייבן זי צו איינע פון די גרויליקסטע און צוגלייך אָנקלאָגנדיקסטע דאָקומענטן אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור.

אויב אין דער „וואָלף" ־ כראָניק שניידט זיך גאַנץ באַזונדערש אַרויס ה. לייוויקס פּעלזיקער, שאַרף ־ ראַנדיקער סטיל, אַ סטיל וואָס איז טאַקע פון אינעווייניק אָנגעגליט מיט לירישן פייער, וואָס ווייט אָבער צוגלייך מיט שניידיקן

פראָסט, צוליב זיין אויסערלעך - עפּישן שניט, וואָס פאַר־טראָגט אין יענע נישט - באַגרייפלעכער אַכזריות פון אַ שחיטה - כראָניק, איז „די שטאַל״ דורכאויס לירייש, דורכ־אויס וויזיע. די זעאונג איז דאָ אַ הוילע, כמעט אַ פורעמלאָזע, ווי פייער. און ווי פורפור - רויטע פייער - צויטן פון אַן אויסטערלישן פלאַמען - טלית הענגען אַראָפּ די קאַפּיטלען פון דער פּאָעמע. יעדער קאַפּיטל — אַ גרויזאַמער „בוך שירה״ פאַר זיך. אויפגעשויבערט, אויפגעהוילט. אָבער דאָך איז דאָ אַן אינערע פאַרבינדונג צווישן זיי, אַ שטימונג - פאַרבינדונג. וואָרום „סוזשעט״ איז דאָ אין דער פּאָעמע גאַנץ - ווייניק. די פּאָעמע הייבט זיך שוין אָן, ווען „זיי״ האָבן שוין די שול פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל פאַר פערד. דער פאַקטישער סוזשעט איז שוין אַ געענדיקטער. אָבער דאָ הייבט זיך אָן אַט־יענער סוזשעט וואָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר לייוויקס שאַפן: דער אינערער סוזשעט, דער, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר די „אַנדערע, די נאַכטיקע בלויע אויגן״, וואָס „דער פאָרגעפיל פון אומגליק״ האָט אין די כ־טער אויפגעעפנט... —

שטייט די שטאַל —

אַ געביידע — הויך און רחבותדיק,

ווי הויך און רחבותדיק עס זיינען אַלע הייליקע געביידעס,

און טונקעלער פון אַלע הייליקע געביידעס אויף דער וועלט,

ווייל די, וואָס זיינען אויסבויער געווען אַמאָל, אַמאָל,

געטראָגן האָבן טיף אין זייער האַרץ דעם סוד פון פעסטונגען;

און זייער סוד אַריינגעגראָבן אין די ציגל פון די ווענט.

און אין אָט־דער מערקווירדיקער „שטאַל״, וואָס טראָגט „דעם סוד פון פעסטונגען״ אין זיך, גייט אָן אַ מערקווירדיק

לעבן — ס׳איז דאָס לעבן פון גיבורדיקן לייב, בויגעוודיקן לעמפּערט, פליגלדיקן אָדלער און איילנדיקן הירש, וואָס זיי־נען — אין די ווינקלען פון סופיט איינגערינגלט און פאַר־כישופט... ווי מאָדנע! די חיות פון וואַלד, וואָס זיינען דורכן אַלט־יידישן שפּרוך „רץ כצבי, גבור כארי, עז כנמר, קל כנשר״ אין דער שול ־ אַרכיטעקטור איינגעגלידערט געוואָרן — זיי האָבן פּלוצים זיך געפונען אין אַ שטאַל... און די מענטשן, וואָס האָבן אַמ־די שול ־ שטאַל געבויט זיינען גאָר פון וואַלד פאַרטריבן געוואָרן... צו איז אַזאַ צוויי־איקע, קעגנזייטיקע פאַרוואַנדלונג ווייניקער ־ אויסטערליש ווי די פאַרוואַנדלונג פון אַ רב אין אַ וואָלף? צי איז דאָ ניט פאָר־געקומען עפּעס אַ ווילדער טעות פון דער נאַטור, אַ טעות, וואָס איז נאָר דורך גראָבע פאַגראַמירנדיקע זעלנער־הענט געמאַכט געוואָרן? און אפשר, ווער ווייס, איז דאָס־אַ אַ צוריקשטעלונג פון אַ פריערדיקן טעות, אפשר האָט דאָ די נאַטור, אין אַמ־דער חלוף ־ משמרות ־ צייט אויסגעטוישט די פאַרטוישטע, זיי צוריקגעקערט אין די פאַר זיי פון ששת ימי בראשית ־ אָן אָנגעצייכנטע וואוינערטער — די וואַלד ־ חיות אין דער פעסטונג ־ הייליקער געביידע און די מענטשן — אין ווילדוואַלד?... אָבער ניין! און אַז ס׳איז ניט אַזוי קען דערציילן דער ייִנגערער ברודער, דער, וואָס איז אַנט־לאָפן און האָט זיך געראַטעוועט פון די רוצחים.

ער האָט זיך עס אויסגעצויגן אויפן בערגל, זיך פאַרטייעט אין זיין שרעק ־ חלום דעם זיסן און בפירוש געהערט: גע־שפּרונג. געברום. געפלאַטער . דאָס האָבן די חיות פון „שטאַל״ געיאָגט פון „שטאַל״ ארויס, איבער זיין קאָפּ, אין מדבר אריין, אין ווילדוואַלד אריין. עס האָט זיך זיי פאַר־גלוסט אָפּצוטרייסלען „דעם אומעט פון האַלבער נאַכט״, ווען „די פערד ביים מזרח ־ וואַנט אונטן האָבן שוין זייערע אויגן פאַרמאַכט״... האָבן זיי איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבער־געריסן מיט זייער פאַרכישופטער איינגעגלידערטקייט אין די

סופיט ־ ווינקלען און — אנטלאָפן, מיטנעמענדיק מיט זיך אויך דאָס האַרפן ־ געזאַנג, פידל ־ געשפּיל און צימבל ־ געקלאַנג פון מלך דוד׳ס כלי־זמר... און ווען דער יינגערער ברודער האָט עס געזען און דערהערט, איז ער, פאַרשטייט זיך, געלאָפן גלייך אין וואַלד אַריין, צו דערציילן זיינע ברי־דער די „וואונדער וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און וואָס זיינע אויערן האָבן געהערט אויפן בערגל" — אָבער ביי די ברידער איז שוין געווען נאָכן חלפים ־ ליד, דאָס חלפים ־ געזאַנג האָט זיי ענדלעך באַפרייט פון זייער לעבן, אַזוי, אַז דעם יינגערן ברודער איז שוין ניט געבליבן אַפילו קיין איי־נער, וואָס זאָל זיינע משונהדיקע וואונדער הערן..

און פונקט ווי אין „וואָלף" בלייבט נאָך עפּעס וואָס צום פרעגן, אַפילו ווען דער רב ־ וואָלף האָט שוין זיין פאַרלאַנג דערגרייכט, איז שוין געשטאָרבן מיט אַ „מיתה משונה", ווי זיינע ברידער, וואָס ער האָט זיי לכתחילה פאַרראַטן מיט זיין לעבן ־ בלייבן, אַזוי בלייבט נאָך עפּעס ניט פאַרענטפערט אויך נאָך דעם שלום פון „די שטאָל" ־ פּאָעמע... און אפשר, ווער ווייס, אפשר אין דעם טאָקע, וואָס עס בלייבט נאָך עפּעס ניט אין גאַנצן קלאָר פאַר אונדז, ביים ענדיקן לייענען אָט־די פּאָעמעס, וואָס עס בלייבט אַזוינס וואָס רייצט אונדזער געמיט־הויט מיט שאַרפן, זאַלציקס, מאָנט און ציט ווי אַ ניט ־ פאַרהיילטע וואונד — אפשר גראָד אין דעם ליגט די גאַנצע קראַפט פון לייוויקס פּאָגראָם ־ פּאָעמעס? צי דאַרפן מיר דאָ אַליין ניט קומען און וועלן פאַרענטפערן, וועלן קלאָר מאַכן, אויב אַפילו דאָס זאָל פון אונדז צונעמען דעם גאַנצן אומרו פון די טעג און די גאַנצע רו פון די נעכט, אפשר?...

ג. פון אומקום צו אויפקום

די „לידער פון אומקום" דערשיינען פאַר אונדז ווי אַ ווייטערדיקע התגלות פון לייוויקס צונויפגיסן זיך מיטן צער פון פאָלק. שטייענדיק פּנים אל פּנים מיט די גורלדיקע קאַ־

טאַסטראָפּעס אין פֿאָלקסלעבן האָט דער דיכטער זיי נישט געקענט אָפּפּטר'ן מיט אַ באַגרענעצטן „צינז" אין פֿאָרם פֿון איייניקע לידער און פּאָעמעס. די אומקום - וויזיע גייט אים נאָך מיט באַוועלטיקנדיקער עקשנות ניט אָפּטרעטנדיק קיין איין טריט הינטערוויילעכס און צווינגענדיק דעם דיכ-טער זיך אומצוקערן אַלץ אָפטער צו אָט דעם מאָטיוו, וואָס איז ווי געזאָגט, פֿאַר לייוויקן מער ווי מאָטיוו. מיט שטאַר-קע געמיט - שנורן איז דער דיכטער געבונדן צום סאַמע נאָפּל פֿון דער יידישער טראַגעדיע. אָבער ניט נאָר געמיט, שטימונג זיינען די פֿאַרבינד - פֿעדים. ס'איז אַ צו מאָנענדי-קע, צו אחריותפֿולע „טעמע", וואָס זאָל דעם דיכטער בינדן צו זיך בלויז מיט שטימונג. און ס'איז כדאי צו פֿאַרצייכענען, וואָס ה. לייוויק שרייבט אין איינע פֿון זיינע פּובליציסטיש-עסייאיסטישע אַרויסזאָגונגען, שורות, וואָס קלינגען אָפּ מיטן טיפֿן עכאָ פֿון קרעדאָ: „...און איך שטרייך אונטער מיין טיפֿסטע איבערצייגונג, אַז אָן אַ באַוואוסטזיין פֿון אַ קאָלעק-טיווער אידייע, אָן דער פֿאָרשטעלונג, אַז מיטן וואָרט רירסטו זיך צו צום סאָציאַלן לייב פֿון דער וועלט, צום נאַציאָנאַלן גוף פֿון דיין פֿאָלק, אַז דו טראָגסט אָן אחריות פֿון אַ שותּף אין דעם גורל פֿון מענטשן — אָן דעם באַוואוסטזיין קען אַ ליטעראַטור ניט לעבן, האָט ניט פֿאַרוואָס צום לעבן, קען ניט זיין שעפֿעריש, מוז ווערן ווינקלדיק, מוז ווערן פֿער - זענלעך און אידעאַלן פֿון מענטשלעכן לעבן און צוזאַמענ-לעבן מוזן דאַמאָלסט בטל ווערן". געגנוג אַריינצוטעמען אָט-די ווערטער אין זיך בכדי זיך איבערצייגן, ווי וויט ליי-וויקס צורירן זיך „צום נאַציאָנאַלן גוף פֿון זיין פֿאָלק", אין פֿאַל פֿון זיינע יידישע ראַסע - און אומקום - לידער, טראָגט אין זיך מער ווי בלויזע שטימונג, טראָגט אין זיך סיי די קערנער פֿון אַ „קאָלעקטיווער אידיי", וואָס ה. לייוויק האָט מיט אַזאַ קראַפֿט פֿאַרזייט אין זיינע ווערק, סיי אָט-יענעם ערבות-געפֿיל, וואָס גרייט צו דעם באָדן פֿאַרן

געדיי און אויפקום פון אַט־די געבענטשטע קערנער. נאָר דאָס ערבות - געפיל וואָס שטויסט דעם דיכטער צו זיין „אַ שותף אין דעם גורל פון מענטשן" האָט דערמעגלעכט אַזאַ טיף - וואונדיקן צורירן־זיך צו די גורלדיקע יסורים פון יידישן פאָלק. אויך אין די אומקום - לידער געפינען מיר יענעם פערזענלעכסטן אויסטראָגן די אַלע ווייען פון פאָלקס־אומקום, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר לייוויקן. דע־ריבער זיינען די לידער אַזוי ווייט פון היסטערישער רעטאָ־ריק, אַזוי פייערדיק - אָנגעגליט מיט אַלע פייערן פון דיכ־טערס אינטימסטן יש:

לידער מיינע, ווי די גענז מיט לאַנגע העלדזער,
לידער מיינע, ווי די קעלבער מיט די קיילעכדיקע אויגן,
הערט זיך צו, הערט זיך צו צו אַלע שאָרכן —
שטריק און פעטליעס זיינען שוין פון לאַנג פאַרצויגן.

פון יעדער זייט קען אָנקומען דער שעכט־הויז־וואָגן,
זייט געגרייט, זייט געגרייט זיך אויסצולייגן: —
לידער מיינע, ווי די גענז מיט לאַנגע העלזער,
לידער מיינע, ווי די קעלבער מיט די קיילעכדיקע אויגן.

אין די פערזן דערגרייכט דער דיכטער די מדרגה פון פול־שטענדיקן צונויפגיסן - זיך מיטן טויט - ריטואַל, וואָס איז דאָס יידישע לעבן ווי דורך אַ גורלדיקן, אכזריות'דיקן אימ־פעראַטיוו, אָנגעוואָרפן געוואָרן. גאָר ניט צופעליק עפנט לייוויק זיין בוך „נייע לידער" מיט זיין ליד „לעבן מיינס", פון וועלכן מיר נעמען אַרויס פאָלגנדיקע שורות:

איך וועל דיך פירן דורך אַלע געפאַרן —
לעבן מיינס;
דורך תפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה,
דיך פירן און דורכפירן — לעבן מיינס.
ווייל איך האָב פאַרשניטן אַ בונד מיט דיר —
לעבן מיינס,

אַ בונד — אַזוי צוזאָגן:
ווען אַפֿילו כיזאָל דאַרפֿן דיר אָנטאָן אַ קייט אויפֿן האַלדז,
לעבן מיינס,
און אויף דער קייט, ווי עס פֿירט אַ ציגיינער זיין בער,
דיך טרייבן דורך גאַסן, דורך מערק — — —אַייוו.

נאָר אַזאַ בונד צווישן דיכטער און זיין לעבן דערפֿירט זיין ליד צום פֿולקומסטן אויסשעפֿן דעם אומקום ־ מאָטיוו. דאָס געפֿיל פֿון ערבות און שותפות איז דאָך בכלל איינער פֿון די סאַמע ־ צענטראַלסטע באַוועג ־ כוחות פֿון לייוויקס ליד, זיין טיפֿערער עטישער יסוד, וועגן וועלכן אונדז וועט נאָך אויסקומען צו שרייבן ס׳איז כדאי אויף דעם אָרט צו ברענגען איייניקע זעלטענע שורות פֿון לייוויקס אַן אַרטיקל. וואָס וועלן אונדז העלפֿן קלערער מאַכן אָט דאָס ערבות ־ און שותפות ־ געפֿיל פֿון דיכטער. „די אמתע אַבסאָלוטע קינסטלערישע השלמה — יענע השלמה, וואָס מען קען זי אָנרופֿן די געטלעכע — וועט דערגרייכן יענער קינסטלער, וואָס וועט דערפֿירנדיק אַ העלד זיינעם צום טויט, אַזוי אמתדיק צונויפֿגעקנאָטן ווערן מיט דעם גורל פֿון זיין העלד, אַז ער וועט אויך אַנידערלייגן זיך אין דערזעלבער פֿאַ:ע פֿון זיין שטאַרבנדיקן העלד און אויך אויסהויכן דעם אָטעם״. די שורות וואָס לייוויק האָט אויפֿגעשריבן זיבער אין איינע פֿון די רגע׳ס, ווען זיין דיכטערישער געוויסן האָט אין אים מיט אַ באַזונדערש־גליאיקן עקסטאַז אויפֿגעבליצט ווייזן צו וואָס פֿאַראַ וואונדערלעכע פֿאָרמען זיין ערבות ־ געפֿיל דערגראָבט זיך, וואָס פֿאַראַ וואונטשן ער באַגערט! היינט איז דען אַ וואונדער, ווען אַ דיכטער מיט אַזאַ רייפֿן ערבות ־ געפֿיל אין זיך, דערנענטערט זיך און רירט זיך צו צו אַזאַ מאָטיוו, ווי ס׳איז די גורלדיקע צייטלעכע און געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפֿעס אין לעבן פֿון זיין פֿאָלק, קאַטאַסטראָפֿעס, וואָס האָבן פֿאַרוואַנדלט די פֿעלדער פֿון יידישן

לעבן אין איין גרויסע שפע פון טויט, — איז דען אַ וואונ־דער, אַז ער שלאָגט אַרויס פון זיך אַזעלכע לידער ווי די „לידער פון אומקום", וואָס שטייען גאַנץ אויסגעטיילט אין אונדזער דיכטונג מיט זייער וואַרהאַפטיקייט, מיט זייער אײַ־נערלעכער, טיפסטער אויפגעשפּיגלטקייט, מיט יענער טראַגיק וואָס שרייט ארויס צו אונדז פון תהומיקע ריסן נאָך אַן ערד ציטערניש. דער דיכטער וואָס ווערט „קיינמאָל ניט מיד צו טראָגן צווישן די ציין דאָס הייליקע ליד, ווי דער וואָלף זיין עלנדן ביין", האָט זיך אין די לידער פון אומקום ווירקלעך אַנידערגעלייגט „אין דערזעלביקער פּאָזע פון זיין שטאַרבנ־דיקן העלד" — אויב ניט אין דער אָפּן ־ אויבערפלעכלעכער ווירקלעכקייט, איז זיכער — אין דער טיפערער, זעלישער, אין דער אמתדיקער וואָר.

לייוויקס דראַנג צו פאַרגעשטאַלטיקן זיינע אידייען און מאָטיוון — אַ דראַנג וואָס פירט אים פון זיין ליד דירעקט צו דראַמע—האָט אויך אין אומקום ־ מאָטיוו געגראָבן זיך צו אַ געשטאַלט, אַ סימבאָלישע, אַן אַל ־ כוללדיקע, אַ טראַ־גישע, אָבער צוגלייך אַ — קאָנקרעטע, אין מער ממשות־דיקערע פאָרמען געקליידט, ווי, צום ביישפּיל, דער רבֿ אין „וואָלף" — איז אים אַנטקעגנגעקומען די געשטאַלט פון זיין טאַטן:

...איך זינג אין אומקום, טאַטע, —
איך בין אין דיר געראָטן,
און איך היט דיינע תנועות
ווי מען היט אָפּ געבאָטן, —
תנועות און גורל פון ראַסע;
אין שפּאַן ווי אַ פערד אונטער דוהעס
שלעפּ איך די אייביקע משא. —

די שורות זאָגן אונדז קלאָר און אָפן, וואָס פאַרא שייכותן פאַרבינדן דעם דיכטער מיט זיין טאַטע ־ געשטאַלט און וואָס פאַר אַן אָרט אָט־די געשטאַלט דאַרף און קען פאַרנעמען!

אין זיין רייך - פאַרצווייגטן ראַסע - מאָטיוו. לייוויק — דער דיכטער, וואָס האָט אַריבערגעהויבן ענדגילטיק דאָס יידישע ליד איבער איר שטייגער - ראַם, פאַרוואַנדלענדיק עס אין אידייען - דיכטונג — האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויך זיין טאַטע - פיגור ניט געצייכנט שטיגעריש, — אַפילו דאַן, ווען ער וואַרפט אָן רעאַלע סביבה - קאָנטורן. ווי אין זיין „סאָנעטן - רינג". לייוויקס טאַטע, הגם מיר זעען אים קאָנ־קרעט געגנוג, מיט אַלע זיינע שייכותן צום דיכטער - זון, ווי מיט אַלע זיינע סתירות און מאָנונגען צום אים, טאַקע א דאַנק לייוויקס פערמאַנענטן אומקערן זיך צו אים, זיין שטענדיקן מחדש זיין וואָס אין אים, וואַקסט ער אויס צו אַ צענטראַלן סימבאָל אין דיכטערס ליד־וועלט — צו די פאַרקערפּערטע, גורלדיק - ראַסיקע אייגנאַרט פון יידישן לעבן. אָט־די טאַטע - געשטאַלט לייוויקס, קומט ניט בלויז ווי אַ פולע פאַרקערפּערונג פון אַלע אומקום - מאָטיוון, ווי אַ מין ים וואו עס קומען זיך צונויף אַלע שטראָמען בלוט און טייכן טרערן, וואָס דער דיכטער האָט אין זיך גופא צונויפ־געזאַמלט. אומקום — דאָס איז בלויז איין זייט פון טאַטנס געשטאַלט, דאָס איז, גרינטלעכער זיך אויסדריקנדיק, אפשר בכלל ניט קיין זייט אין אים. דאָס איז גיכער די אַטמאָספער וואָס אַרום אים, די דורותדיקע אַטמאָספער אין וועלכער אים קומט אויס צו לעבן. ער אַליין לעבט אָבער אין אָט דער אַטמאָספער, זיך ניט צונויפגיסנדיק מיט איר, אָט ווי דאָס ליכט וואָס גיסט זיך ניט צונויף מיט דער פינסטערניש פון אַרום, להיפּוך, ער איז די פולקומסטע פאַרלייקענונג פון אָט־דער אומקום - אַטמאָספער, ווייל ער טראָגט אין זיך דעם „ריח פון זיין אייביקייט", אָט־יענעם כלל - געפיל, וואָס האָט דעם באַגריף „פאָלק" אַוועקגעשטעלט אויף אַ נצח־ישראלדיקן יסוד, ווי אַן אייביקייט - מאָנומענט, ווען אַפילו די ישראלס גופא זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און פאַר־שניטן געוואָרן ווי זאַנגען פון דער סערפּיקער האַנט פון

טויט. ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם זיינען כאַראַקטעריסטיש די שורות פון דעם טאַטע - ליד, וואו דער דיכטער דערציילט אונדז, אַז ווען ער באַגעגנט זיין טאַטן „פון יענער וועלט" און ער, דער טאַטע, פרעגט אים: „זון מיינער, וואָס טוסטו דאָ? זאָג איך ניט, ענטפער ניט, גאָרנישט אים. איך כאַפּ אים אָן נאָר פאַר זיין האַנט, פאַר זיין ביינערדיקער, און פיר דורך זיבן מאָל מיט די פינגער זיינע מיט די קברדיקע, — איבער מיינע ברעמען, איבער מיינע ליפּן, איבער מיינע באַקן. און נאָכדעם, נאָכן מאָל נאָכן זיבעטן, אַז דורך אַלע מיינע אברים דרינגט אַדורך דער ריח פון זיין אייביקייט, זאָג איך: אַ דאַנק, טאַטע"... אין די שלום - שורות פון ליד פאַרטרויט אונדז דער דיכטער וועגן דער „נייער פרישקייט", „נייער לויטערקייט" און „נייער שטילקייט", וואָס אָט די קברדיקע פינגער דעם טאַטנס האָבן זיינע באַקן, ברעמען און ליפּן געשענקט.

אַזעלכע שורות פאַרטרויען אונדז אויך, אַז דורך דער טאַטע - פיגור האָט זיך דער דיכטער גופא אַרויסגעווענדט פון זיין אומקום - קרייז און האָט אָפּגעווענדט פון זיך דעם גורל פון זיינעם אַ גרויסן און טראַגישן דיכטער - ברודער — משה-לייב האַלפּערן — וואָס איז שוין געבליבן אַ געפאַנגענער ביזן ענד פון זיינע טעג אין זיין אויסגאַנגלאָזן, ראַסיקן „אַ נאַכט" - געשריי... לייוויק — אַ דורכגעדרונגענער מיט יידיש - נאַציאָנאַלן פאָלק - צער איז אָבער ניט געבליבן שטיין פאַר די דערשיטערנדיקע אויפטרייסלונגען אין יידישן לעבן. ער האָט געזוכט אַ טיר אין דער אומקום - הייל, אַ טיר וואָס זאָל אַרויספירן דעם דיכטער פון אומקום צו אויפקום. און אַזאַ טיר האָט זיך פאַר אים געעפנט, ווען ער האָט געפונען „אין טויטן שטויב דעם טאַטנס כוס פון קידוש", ווען ער האָט זיך באַהעפט מיט די גייסטיקע קוואַלן פון אַלט-יידישן, דורותדיקן נשמה-לעבן. די קברדיקע, פאַרפייניקטע פינגער פון זיין טאַטנס גוף זיינען פאַרן דיכטער

פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אייביקע שטראַלן פֿון אַ וואַרעם־לויכטנדיקער זון, וואָס האָט ווי אַ לעבעדיקער קוואַל פֿון ליכט צוגעצויגן צו זיך דעם דיכטערס זעאונגען און וואונטשן.

אָבער איידער מיר גייען צו צו די אַלע וואונדערלעכע אידייען און געשטאַלטן וואָס זיינען פֿון אונטער לייוויקס פֿען אַרויסגעכשופּט געוואָרן אַ דאַנק זיין באַהעפֿטן ־ זיך מיט די גייסטיקע קוואַלן פֿון יידישן עברדיקן — און צוגלייך, אייביקן — שאַפֿונגסגעניוס, מוזן מיר אָנמערקן, אַז לייוויק האָט שוין פֿון לאַנג, פֿון זיין ערשטן, נאָך באַוואוסטזיניק ־ נישט־אויסגעקריסטאַליזירטן וואָרט ־ צוריר צו וועלט און מענטש, אַזאַ אייגנאַרטיקע כלי אין זיך געטראָגן, אַ כלי, וואָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר זיינע צוקונפֿטיקע חיות ־ קוואַלן. דאָס איז זיין ליבשאַפֿט. „דער צער איז אַזאַ וואונד — זאָגט ווײַלד אין זיין „דע פּראָפֿונדיס" — וואָס נעמט גלייך אָפּגיין מיט בלוט, ווען עס רירט זיך צו צו אים אַ האַנט, וואָס איז ניט די האַנט פֿון ליבשאַפֿט". לייוויק, דער דיכטער פֿון יידיש ־ מענטשלעכן צער, פֿאַרמאָגט אָט די היילנדיקע ליבשאַפֿט ־ האַנט; און דעריבער איז די צער־וואונד, צו וועלכע ער רירט זיך אַזוי טיף ־ אָרגאַניש צו, נישט קיין בלוט־אָפּגייענדיקע, ווי וואונדיק און שמאַרציק זי זאָל ניט זיין. מיט אָט־דער „כלי" איז עס לייוויק אויך אָנשעפּן דעם מאַרטירער ־ שיין, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון פֿאַרפּייניקטן יידישן לעבן, און וואָס איז תמיד געקומען ווי דער פֿאַרהוילענער טרייב ־ כוח, אַריבערצובריקן אַלע תהומען, פֿאַר דער ווייטערדיקער פֿאָרויסזעצונג פֿון פֿאָלקס־קיום; מיט אָט־דער „כלי" איז דער דיכטער געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז „שלעכטס, וואָס איז געווען — איז גוטס געוואָרן אין דערקענטעניש פֿון אונדזער גורל אויף דער ערד", און אַז אויב די וועלט פֿאַרגייט אין צער, מוז דורך צער איר זון אויפֿגיין. ווי אַ גוואַלדיקע מאַניפֿעסטאַציע פֿון דעם גע־

פיל קומט די פּאָעמע „אין אַ יום־טובדיקן טאָג", וואָס שיל־דערט אַ גרויל ־ בילד פון אַ קרייציקונג. און דאָך הייסט עס „אין אַ יום־טובדיקן טאָג". דאָס דערקענען די אייגענע פּיין דערהויבט דעם מענטשן צו שלמות, באַהעלט אים מיטן ליכט פון אייביקן, געליטערטן יום־טוב און עפנט אין אים אויף דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיט זיין פיזישן טויט ענדיקט זיך נאָך ניט זיין אייגנטימלעך לעבן, און אַפילו די זעמדע־לעך פון דער ערד וואָס באַשיטן און דעקן צו זיין טויטן, געקרייציקטן גוף — „דריקן זיך צו מיר מיט בענקענדיקע קרעפטן" און — „יעדעס זעמדל וויל זיין ערשט דאָס לייב מיר צו פאַרדעקן, אין מיין לייב דאָס נייע, צווייטע לעבן אויפצוּוועקן".

אָט דאָס געפיל פון „נייעם, צווייטן לעבן" ברענגט דעם דיכטער צום עקסטאַזיקן אויסרופן „כי טוב" אין אָנבליק פון טויט, צו זיין תפילה: „וואָרט, נס פון וואָרט, פאַרלאָז אונדז ניט", צו זיין טיפן גלויבן,

...אַז מען שטאַרבט דורך זיבן טויטן

איז דאָס אויפקומען נאָך גרינגער...

נאָכמער. דאָס געפיל פון „צווייטן לעבן" באַשאַפט דעם וואונדער, אַז לייוויקס „כלי" זאָל זיך מיט דער צייט אַליין פאַרוואַנדלען אין אַ קוואַל פון לויטערן, געבענטשטן שאַפן, ווי עס וועט אונדז קלערער ווערן אין דער באַהאַנדלונג פון לייוויקס ווערק, וואָס זיינען דערשינען שוין נאָך זיינע „נייע לידער". און ערשט אין ליכט פון אָט דעם „צווייטן לעבן" לאָזן זיך פולקום באַגרייפן די שורות מיט וועלכע לייוויק ענדיקט זיין פאָרוואָרט צום בוך: „יעדע איבערלעבונג, אויב דורך וואָרט געליטערט, פאַרבלייבט אין האַרץ פון מענטש, און ווירקט אין לעצטן רעזולטאַט ווי אַ סטימול צו מוטי־קייט און עקשנותדיקן קאַמף פאַרן נייעם לעבן".

ד. אין שאטן פון אלטן פראג

מיטן כוח פונם באוואוסטזיין פון „צווייטן לעבן" מאכט ה. לייוויק דורך דעם גרויסן מהלך פון זיין צייט, אזש קיין פראג פון זיבעצנטן יארהונדערט, צו די טיפענישן פון יידיש־מיטלאלטערלעכן געטא, צום חלום־שיין פון דער גולם־לעגענדע, וואס איז דאן געבוירן געווארן. שוין מיטן עצם אוועקווענדן־זיך צו יידיש־געשיכטלעכער מיטאלאגיע האט ה. לייוויק אריינגעטראגן א דורכברוך און אן ענדערונג אין צייט־גייסט פון דער יידישער פאעזיע אין די יארן 1917—1920, ווען לייוויק האט דעם „גולם" געשריבן. איז דאך דאס געווען די צייט ווען די יידישע דיכטונג איז געשטאנען אונטערן שטעמפל פון אנעמישן עסטעטיזם פון איין זייט און פון פאלש־אויפגעבלאזענער צייט־ליריק, וואס איז פול געווען מיט נאכמאכונג, מיט פארלייקענונג פון יידיש־נאציאנאלע, גייסטיקע נער־מקורים, פון דער אנדער זייט. ווי אפטאשו אין דער פראזע האט אויך לייוויק אין דער דיכטונג ווידער געלאזט אויפגליען פרצ'עס ברענענדיקע לאזונגען, וואס זיינען דורכן ערבוב־התחומים־פעריאד אין דער יידישער ליטעראטור פארשטויסן און פאררוקט געווארן. שוין דאן האט לייוויק געבראכט צום אויסדרוק, אז געשיכטלעכע אחריות, געבונדנקייט מיט דער „גאלדערנער קייט" פון דורותדיק־יידישן שאפן איז ניט קיין סתירה צו פרא־בלעמען פון צייט און וועלט, נאר להיפוך — אן אנלען, א יסוד פאר אט־די מאטיוון, ווייל, ווי ער האט עס מיט יארן שפעטער אזוי קלאר פארמולירט אין די ווערטער: „ייד איז ניט קיין פארגליווערטע, פון דער וועלט אפגעטיילטע קאטעגאריע. ייד איז וועלט. ייד איז קרבן און גאולה צוזאמען"...

און אז „ייד איז וועלט, איז קרבן און גאולה צוזאמען" האט לייוויק געוויזן אין זיין דראמאטישע פאעמע „דער גולם". קרבן און גאולה. קידוש־השם און משיחיזם — די

צוויי גרונט־שטראָמען אין דער יידישער געשיכטע, האָבן זיך אין דער גולם־לעגענדע צונויפגעגאָסן אינאיינעם. אין א פינצטערער תקופה, וואָס איז נאָר געשטאַנען אונטערן רויטן שיין פון עלילת־דם, האָט זיך ס׳פאָלק — א צונויפ־געדרענגטער אין די אַלטע, קרומע גאַסן פון דער פּראַגער געטאָ — מיטאַמאָל א ווענד געטאָן צום גאולה־פּלאַם, וואָס ברענט פּאַרטאַיעט אין משך פון יאָרטויזנטער אונטערן אַש פון דער גלותדיקער ווירקלעכקייט. פּלוצים האָט זיך אין פאָלקסגעמיט וואָס א רודער געטאָן און אין רעזולטאַט פון דעם האָט ס׳פאָלק ווידער אויפגעזוכט די שליסלען צום אייביק־אָפּגעהיטן אוצר פון גאולה־חלום און זיי אָנגעטרויט דעם — מה״רל, דעם מיטאָסאַרטיקן העלד פון יידישן געטאָ, דעם מקובל און אַלכעמיקער, דעם גרויסן למדן און צוגליך „צונויפגעמישטן״ מיטן דלת העם. און אזוי איז געבאָרן געוואָרן די אייגנאַרטיקע גולם־לעגענדע, און געבאָרן געוואָרן דער שטאָף פאַר לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע.

וואָס ס׳האָט לייוויקן צום אַלעם ערשטן פאַרלאָקט צום גולם־עפּיזאָד איז זיכער דער פּסיכאָלאָגישער איבערבראָך אין יידישן פאָלקסגייסט. דורותלאַנג ווי ס׳יידישע פאָלק האָט אויפגעכאָוועט און אָפּגעהיט דעם פּאַסיוון געבאָט פון „אָפּ־וואַרטן״, פון דער אחרית הימים׳דיקער משיח־געשטאַלט, וואָס וועט קומען און איבּערשניידן דעם גלות־שנור און אָנהויבּן מיט א נייעם אָנהויב. צו דעם צוועק האָט ס׳פאָלק זיך אויפגעבּויט זיין אייגן מלכות — דאָס מלכות פון וואָרט, פון ספר. צו דעם צוועק איז ס׳פאָלק אריינגענומען געוואָרן אינם פּאַסיוון וועלט־בּילד פון „פּרוזדור״, פון באַוואוסטזיניקן מבטל־מאַכן דעם פּרוזדורדיקן דאָ פאַר א טרקלינ׳דיקן דאָרט. צו דער פאַרשטעלונג פון א דערוויילטן משיח, א משיח וואָס זאָל קומען העלפן אין דער אַלטעגלעכ־קייט פון צרות און יסורים, קומען העלפן מיט חומר, אויב

ניט מיט רוח, האָט זיך דער פאָלקסגעדאַנק ניט דערגראָבן.
אויב די יידישע געשיכטע וויים יאָ פון אַ משיח - געשטאַלט, וואָס איז געקומען מיט חומרדיקן וואָפן, ווי ראובני מיט זיין כייבאַר - פּלאַן, האָט זי אים גלייך אָוועקגעשטעלט בייב זייט אַ צווייטע משיח - געשטאַלט, אַ רוח'דיקע — די געשטאַלט פון מקובל און קדוש שלמה מולכו, פאַרוואַנדלענדיק ראובנין אין אַ מין משיח בן אפרים, וואָס דאַרף עס עפענען די טיר פאַרן אמתן משיח, פאַרן בן־דוד...

אינם פאַל פון ,,גולם'' דערזעען מיר אַ שפּאַלט אין דער אָפּוואַרטונג - מויער, מיט וועלכער דער פאָלקסגעדאַנק האָט אַרומגענומען זיין משיח - געשטאַלט; אַן עפענונג אַריינצוּבליקן אין איינע פון די גרויזאַמע עפּאָכעס, ווען ס'פאָלק האָט זיך אַ טשובע געטאָן, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, וואָרום ,,עפּעס שפּילט זיך אָפּ אין פּראָג''.
און ,,יאָסל גולם'', דער וואַסער - טרעגער און האָלץ - העקער, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורכן מהר''ל'ס האַנט פונם זיווג פון ליים מיטן שם־המפורש, האָט עס געדאַרפט דורכפירן אָט־די שליחות. די פאָלקספאַנטאַזיע האָט זיך־אַמאָל מסכים געווען מיטן געדאַנק, אַז צוליבן איבערטראָגן די פלעשער בלוט, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטער דער שול דורכן כומר טאַדעאוש, צוריק צו זייער אָרט, צום כומרס הייל — איינע פון די פיל עפּיזאָדן אין דער עלילת־דם - כראָניק — צוליב דעם האָט זיך גערן געלוינט צו באַשאַפן אַ ,,משיח אויף דער וויי''. און אָט דעם איבערבראָך - עפּיזאָד האָט לייוויק זייער ברייט אויסגענוצט אין זיין ווערק. קודם־כל האָט עס אים געגעבן אַ געלעגנהייט צו עפענען דעם אַלטן, דורך דורות אין פאָלקסגעמיט איינגעגראָבענעם חשבון מיט דער וועלט. דער מהר''ל — דער שעפער פון ,,גולם'', פון אָט־דעם געווער, וואָס ער האָט זיך אויסגעשמידט אין קאַמף מיט די שונאים; וואַקסט אויס צו אַ חשבון - מאַנער, צו אַן אַרויסרופער, צו אַ מו״ד.

ער איז מורד אין דער שנאה און אכזריות פון דער וועלט. ער קומט אויך מיט א באוואוסטזיין פון זיין יש, פון זיין שליחות. ער ווערט אנטקעגנגעשטעלט פנים אל פנים ווי גלייכע, זיך באקעמפנדיקע כוחות מיטן כומר טאדעאוש, מיט אט דער פארקערפערונג פון באוואוסטזיניקער רשעות צו יידן, וואס האט רשעות אויפגעהויבן צו אן „אידיי".

אויף ר' באסעווים פראגע „וואס וויל מען פון אונדז האבן?" — ענטפערט דער מהר"ל:

מען וויל פון אונדז א פולע, ר' באסעווי, גאר א סך,
א סך...
נאר געבן קאנען מיר זיי גארנישט, גארנישט,
הערט איר?
און אפשר קאנען מיר, — א, יא, מיר קאנען,
ר' באסעווי,
מיר ווילן אבער ניט, מיר ווילן ניט... מיר האבן
צו אלץ און אלעמען פון גאר דער וועלט
נאר צוגערירט זיך מיט איין שפיץ פון פינגער,
נאר פון דער זייט א הויך געטאן מיט אונדזער אטעם,
און אלץ און אלע פון דער גאנצער וועלט
וועט טראגן שוין אויף אייביק אונדזער פינגער,
און שטורעמס, ווירבלענדיקע שטורעמס וועלן
אויסברעכן
פון אונדזער לייכטן אויסגעהויכטן אטעם...

אט - דער באוואוסטזיין פון ריס מיט דער וועלט וואס איז געקומען א דאנק אונדזער צוריר נאר מיט איין שפיץ פון פינגער, מיט איין הויך פון אטעם — וואס איז פארוואנדלט געווארן אין שרעק און אומרו פאר דער וועלט פון די טאדע־אושעס — אט - דאס שטויסט דעם מהרל — אין זיין ווייטערדיקן דיאלאג מיט ר' באסעווי — צו אלץ ווייטערע און קאנסעקווענטערע באשלוסן, אז —

...און אַט אַ שעה פון אומגעדולד קאָן קומען,
גרעסער נאָך פון צער,
אַ שעה פון גרעסערער עקשנות נאָך, און איך, צו איר,
צי יעדערער פון גאַס, אַפילו תנחום,
אַנשטאָט מיט איין שפּיץ פינגער אָנרירן די וועלט,
זאָל אויפהויבן אַ גאַנצע האַנט מיט אַלע פינגער, —
וואָס מיינט איר ר׳ באַסעווי, וואָלט געווען דאַן?

און ווען ר׳ באַסעווי ענטפערט אים אַף דעם, אַז „אַן אומ־גליק וואָלט עס זיין פאַר אונדז, אַן אומגליק״, זאָגט דער מהר״ל:

אַן אומגליק, מאָלט אייך אויס, אַז ניט נאָר איך,
צי איר, צי עמעץ אַנדערש ערגעץ־וואו,
נאָר ער, אַפילו ער, דער האָלץ־העקער, וואָס אויפן הויף
זאָל אויפהויבן זיין גאַנצע האַנט מיט אַלע פינגער;
צי וואָלטן זיי נאָך אַלץ געוואָלט מיר זאָלן — — —

דאָ האָבן מיר שוין ניט דעם פּאַסיוון כוח וואָס איז נכנע דער אַקטיווער רשעות; דאָ האָבן מיר שיילאָקס מאָנונג און פאָדערונג צו דער וועלט אין אַ פיל - טיפערער און איידעלערער פאָרם, ווייל מער אָרגאַניש - צונויפגעבונדענער מיט דער יידישער גייסט - סביבה און אָנם „פונטעלע פלייש״, וואָס דער גערמאַנגל פונם קינסטלער און יידן - פיינט אין שעקספּירן (יידן - פיינט, וואָס קומט פון יידן־פרעמד) האָט שיילאָקן אָנגעבונדן; דאָ האָבן מיר די באַ־רעכטיקונג פאַרן מהר״לס מיט וואַגונג־פולן שריט פון אַנט־קעגנשטעלן — אין דער קרעאַטור פון גולם — שנאה קעגן שנאה און אַכזריות קעגן אַכזריות, ווי אויך דעם אידייאישן הינטערגרונט פון יענער עפּאָכע וואָס לייוויק רעסטאַוורירט אין זיין ווערק.

דער גולם איז אַזוי אַרום געוואָרן פאַרן מהר״ל דער פאַר־ווירקלעכער פון אַ צווייטער שליחות — אַ חוץ זיין אַוועק־שטעלן זיך אין זיין גאָרער גרוים ווי אַ שוץ און פּאַנצער

פאַר דער געטאָ אַנטקעגן די גרויזאַמע עלילת - דם - פּילן — ווי דער מעדיום פון זיין, דער מהרלס חשבון - אויפמאָנונג פון דער וועלט. ווי אַן אָפענע אונטערשטרייכונג פון גולמס דאָזיקער שליחות, ברענגט לייוויק אַראָפּ קיין פּראָג, אין פינפער - טורעם, די צוויי בעטלער, דעם אַלטן אליהו הנביא) און דעם יונגן (משיח) — זיי קומען אין דער פינצטערער פּראָג, ווייל די יידישע צרות האָבן זיי אונטערגע - טריבן, קענטיק, זיי זאָלן אַליין מקרב זיין דעם קץ, אָבער דאָ פאַרשטעלט זיי דער מהרל דעם וועג. די צייט פון משיח בן דוד איז נאָך ניט געקומען — ווייל —

איך האָב אַ צווייטן אונטער מיין רשות,
דער איינציקער, וואָס מעג זיין פינסטער,
וואָס מעג פאַרגיסן בלוט פאַר בלוט...
קיין אַנדערן באַשטראָפער איז ניט ווערט די וועלט,
און מיר דערווייל — קיין אַנדערן באַשיצער...

נאָך בולטער ווערט אָט־די מיסיע פון „בלוט פאַר בלוט”. וואָס דער מהרל האָט אויפן גולם אַרויפגעלאָסט, ווען דער גולם טרעפט זיך אין דער אונטערערדישער פינצטערער הייל מיטן יונגן בעטלער און מיטן „מאַן מיטן קרייץ”. אין פינצטערניש, אין געראַנגל מיט „ניט גוטע”, מיט אַלע רשעות־דיקע כוחות פון דער וועלט, קומען זיך צונויף די דריי משיחים. דער יונגער בעטלער קומט מיט פרידן, דער מאַן מיטן קרייץ קומט מיט בענטשונג — זיי ביידע דאַרפן זיך עס צוזאַמענשליסן מיטן גולם — אַנטקעגן דער וועלט, ווי ס'זיינען די רייד פון יונגן בעטלער: „די וועלט באַזונדער — מיר באַזונדער”. אָבער אָט־קומט די רגע פון פּרואווונג צי זיינען זיי טאַקע ראוי צו פאַרבינדן זיך מיטן גולם אין איין חוט - המשולשדיקן אויסלייזערישן כוח — די פּרואווונג דורך — בלוט. סיי דער יונגער בעטלער, סיי דער מאַן מיטן קרייץ, פאַלן צו מיט פאַרדאַרטע, דאָרשטיקע גומענס צו די אָנגעפולטע פלעשער, וואָס דער גולם טראַקטירט זיי. אָבער

ווען זיי דערשמעקן נאָר דעם ריח פון בלוט, שרייען זיי אויס דערשראָקן: בלוט! און די פּרוּוואונג בלייבט ניט אויסגע־האַלטן... דער גולם בלייבט אַליין, איבערגעלאָזן אויף זיינע אייגענע כוחות אין קאַמף מיט אַלע פינצטערע הייל־רוחות און אונטערערדיקע, וואָס ווילן אים פאַרבלענדן און פאַר־דרייען און ניט דערלאָזן די פאַרווירקלעכונג פון זיין שליחות.

ה. די מרידה פון גואל

פון דער אייגנאַרטיקער גאולה ־ פּראָבלעם וואָס ה. לייוויק פאַרקערפּערט אין זיין דראַמאַטישער פּאָעמע, וויקלט זיך אָפּ אַ צווייטע פּראָבלעם, אַ פיל ־ טיפערע און אויך נענטערע צו דער מענטאַליטעט פון דיכטער — ס'איז דאָס פּראָבלעם פון גאולה, שעפער און שאַפונג, שליח און משלח. פּאַרטיפנדיק זיך מערער אין דאָזיקן ווערק געפינען מיר, אַז דאָס פּראָב־לעם „גואל" פאַרנעמט דאָ פיל מער אָרט ווי דאָס פּראָבלעם „גאולה", און אַז גראָד אָט־די לעגענדאַרע גולם ־ פיגור, וואָס איז אַריין אין פאָלק ווי אַן אווטאָמאַטישער שליח פון מהרל, אויסצופירן אַ געוויסע שליחות און פאַרשווינדן, האָט לייוויקן געגעבן די גוטע געלעגנהייט אָט דאָס פּראָבלעם, וואָס איז, קענטיק, פאַרן דיכטער נאָך נישט געלייזט אינגאַנצן, לויט זיין פּערמאַנענטן צוריקקער צו איר אין די וייטערדיקע ווערק, אויפצוּוויקלען אין גאַרן פאַרנעם.

שוין בעת דעם פּראָצעס פון גולם ־ שאַפונג דערזעען מיר בולט די אַלע ספקות און חששים, וואָס רייסן זיך דורך דורכן פאַרשטיקטן עקסטאַז פון יצירה, מיט וועלכער דער מהרל איז דורכגענומען. פאַרן מהרלס אויגן וואַקסט אויס, אין דער פאַרטאָגיקער דעמערונג, ביים ברעג מיין, אַ גע־שטאַלט, דער שאָטן פונם קומענדיקן לעבעדיקן גולם ־ גוף, וואָס איז געקומען וואָרענען דעם מהרל: „באַשאַף מיך ניט,

ניט נעם מיך פון מיין רואיקייט אַוועק׳, ווייל „מיר איז גוט אַזוי געווען צו זיין נאָר ליים, צו ליגן טויט און רואיק אויסגעמישט מיט אַלע זעמדעלעך און שטיינדעלעך פון דער ערד פון אייביקייט ביז אייביקייט אַזוי״. די וואָרנונג פון אָט־דעם „שאָטן פון אַ שאָטן״ גייט לסוף אַריבער אין תּפילה:

עס קומט דער טאָג. אָ, פינסטערניש, אָ, פינסטערניש,
איין רגע נאָך אין דיינע אָפּגרונטן פאַרדעק מיך,
און לאָז מיך זיין איין רגע נאָך וואָס ביז אַהער:
אַ טויטער בערגל אויסגעטריקנט ליים.

איידער דער גולם איז באַשאַפן געוואָרן האָט זיך דער מהרל שוין צונויפגעשטויסן מיט דער בשורה פון גולמס זעלבסטשטענדיקייט. דער גולם ווערט שוין מיט זיין ניט וועלן ווערן געבוירן (אין ערשטן בילד „ליים״), וואָס דעקט זיך אַזוי בולט מיט זיין נישט וועלן שטאַרבן (אין לעצטן בילד „די לעצטע שליחות״) אַריינגענומען אינם טראַגישן גורל פון מענטש, דער אייביקער מרידה - קוואַל אַנטקעגן די אים אָנגעוואָרפענע, באַוועלטיקנדיקע אור - געבאָטן, און דורכדעם אַליין שוין אויסגעשלאָסן פון ענגן קרייז צו ליגן „אַ פאַרוואָרפענער אין ערגעץ און וואַרטן אויף דער מינוט צו זיין גערופן״, וואָס דער מהרל, זיין באַשעפער, האָט פאַר אים אָנגעצייכנט. בילד נאָך בילד אַנטוויקלט זיך פון אונטער דעם דיכטערס פען אָט־די זעלבסטשטענדיקייט פון גולם, דאָס פּראָבלעם פון גואל, וואָס וויל ניט און קען ניט זיין בלויז אַ בלינד געווער אין די הענט פון דער „גאולה״ (אַ פּראָבלעם, וואָס איז אין צווייטן טייל פון „גולם״ „די גאולה־קאָמעדיע״ אויסגעוואַקסן צו אַן אומגעהויערן פאַרנעם). פריער שפּאַרט עס דורך אין אויסבּרוך פון די „גרויסע כּוחות״, וואָס הויבן אָן קומען אין זיין גוף, אינם קראַנט־פולן עפּיזאָד פון גולמס מורא און גלייכצייטיקן רייסן־זיך צו דער זון וואָס צינדט אָן די שויבן פון מהרלס שטוב. דאַן

קומט דער מאָמענט דבורה'לע, אַט־דער לירישער לייט־מאָטיוו אין דער גולם־סימפּאָניע, וואָס איז ניט בלויז עראָטישער אַקאָרד, אַ מין זייטיק־צוגעשאָטענער געוווירץ, וואָס זאָל פּיקאַנטער מאַכן די מיט פּראָבלעמען־איבער־לאָדענע דראַמאַטישע פּאָעמע, נאָר דער סאַמע־וואָרצלדי־קער סטימול צו לעבן, איינגאַרט, צוקונפט, צו דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון צאַרטע, גרינענדיקע אימפּולסן, וואָס בינדן דעם גולם מיט איידעלע אָבער פעסטע פעדים, צום באָדן פון „דאָ־זיין". דבורה'לע — דאָס איז דער טרומפּייטער־שאַל פון לעבן, וואָס רופט און וועקט די אינערע, איינגע־שלאָסענע כוחות אין דער ליימיקער שטייג פון גולם־גוף, וואָס זעגלט אים אָן צו טאַט, צו מרידה. גראָד דבורה'לע איז די פיגור אין וועמענס אָנבליק דער גולם (אין בילד „אנטפּלעקונגען") „דעקט אויף זיין אויסזען", רייסט איבער מיט זיין שטומקייט און שליידערט אַזעלכע מערקווירדיקע רייד, ווי:

איך לעב און ווייס אַליין נישט ווּפל, אויף דער ערד
און אונטער איר,
מיט מענטשן און מיט חיות און מיט ווערעם,
אין וואַסער און אין פייער און אין שטיינער,
און קיינמאָל זע איך נישט דעם אָנהייב און דעם סוף
פון מיר און פון מיין אייביקן פאַרגיין —

דורך אַט־די רייד וואַקסט דער גולם אַריבער זיין אייגענע געשטאַלט, וואַקסט אויס צו אַ סימבאָלישע אור־קראַפט, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך דעם גרויסן כוחות־געראַנגל וואָס גייט אָן אין דער נאַטור, ווי די גרויסע טראַגיק פון מענטשן, וואָס ווערט דורך אַט־דעם געראַנגל פאַרוואַנדלט אין אַן עלנד שפּענדל, געיאָגט איבער בערג און תהומות פון אַ צעכוואַליעטן אָקעאַן.

דאַן קומט די אָפענע מרידה פון גולם קעגן מהרל זיין

שעפער און קעגן די הילפלאָזע, געטריבענע גופים, וואָס צום צוועק פון זייער גאולה האָט עס דער מהרל איינגעשפּאַנט זייַנע פּרימיטיווע כוחות. דער מהרל ווערט פּלוצים אַוועקגע־שטעלט אין דעם מעמד פון איינעם, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פייער און ווערט אַליין פון אים פאַרכאַפּט. די פינצטערניש און רציחה, וואָס דער מהרל האָט אין גולם אויסגעשמידט ווי אַ געווער אַנטקעגן די יידישע שונאים, ווערט גאָר גע־לענקט צום — מהרל און צו די יידן אַליין, אָט ווי אַ שטורעם־ווינט וואָס קומט און לענקט אַן אָנגעצונדענעם פלאַם גראַד אין דער אַנטקעגנגעזעצטער ריכטונג. די געמישטע געפילן, וואָס דער גולם האָט צום מהרל — פון איין זייט זיין פאַר אים אַליין ניט־ באַגרייפלעכע געבונדנקייט צו זיין שעפער, זיין פאַרדראָס, הלעמאַי דער מהרל פאַרלאָזט אים אין איינ־זאַמקייט, שיקט אים שלאָפן אין פינפער ־ טורעם, דערנענ־טערט זיך צו אים נאָר ווען ער דאַרף אים האָבן, אויסנוצן; פון דער צווייטער זייט זיין אייגענער רעוואָלטירן קעגן אָט־דער געבונדנקייט, זיין ווילן דערלאַנגען אים מיט דער האַק, זיין שפלות ־ געפיל צוליב זיין מהרל ־ אונטערוואָרפנקייט, זיין זען אין מהרל — אַ וואַנט וואָס שיידט אים אָפּ פון דבורהלען, פון זיין, דעם גולמס, לעבן ־ אַקטיוויטעט, אַק־טיוויטעט פאַר זיך אַליין, פאַר דעם זעלבסטשטענדיקייט ־ הונגער וואָס אין אים; אָט־דאָס אַלץ ברייטערט אויס דעם ריס צווישן שטומער ווילנלאָזיקייט און אינו נראהדיקן צום לעבן ־ אויפוואַך וואָס אין אים, אַ ריס וואָס ברענגט לסוף צו דעם, אַז די צונויפגעקנאָטנקייט פון ליים און שם ־ המ־פורש אין זיין מהות זאָל פּלאַצן, די צוויי ניט צונויפגע־וואַקסענע כוחות זאָלן זיך פונאַנדערגיין, דער שם ־ המפורש זאָל זיך אָפּטאָן פון ליים, און דער ליימיקער גוף, אַ טויטער, אַן אויסגעלאָשענער, דורך זיין באַשעפערס האַנט, זאָל ווי־דער צופאַלן צו יענער אור ־ פינצטערניש פון וועלכער ער האָט זיך, לכתחילה, פאַרן געבורט, ניט געוועלט אָפּטיילן,

אָבער צו וועלכער ער האָט געראָד איצט, נאָכן פאַרזוכן דעם טעם פון לעבן, ניט געוועלט צוריקגיין...

פּאַראַלעל מיט דער מרידה פון גולם כלפּי דעם מהרל גייט זיין אָפענער ווידערווילן קעגן אָט־דעם בינטל געטאָ־ יידן, וועמעס אויסלייז ס'איז דער צוועק פון זיין קומען אויף דער וועלט. אויב דעם גולמס געפילן צום מהרל זיינען גע־ מישטע, אויב אין מהרל שפּירט דער גולם אַ כוח, אַ באַ־ צווינגענדיקן, הגם אַ נישט־באַגרייפלעכן, שפּירט ער אָבער אין דעם יידן־געזעמל אַפילו קיין אָנדייט ניט פון אַ כוח, אַפילו ניט קיין באַוואוסטזיין פון זייער טראַגיק, פון זייער גורל־געשלאָגנקייט. אין אים, די רויע, מאַסיווע קראַפט, וואָס טראָגט אין זיך סיי די תהומיקע פינצטערניש פון ערב־באַשאַף, סיי די לויטערע, הימלשע צייכנס פון יצירה, קומט אויף אַ שנאה, אַן אונטער־באַוואוסטזיניקע. סיי צו די יידן, וואָס טשעפּען זיך מיט אים, לאָזן אים זיין האָלץ־האַקן־עבודה נישט טאָן, סיי צו די בעטלער פון פינפער־טורעם, די אויסגעטאָנענע מחמת נויט און דער־ שלאָגנקייט פון צלם אלוהים, די, וואָס דער גולם וויל ניט, אַז זיי זאָלן אַפילו זיין נאָמען אויף זיינע ליפּן ברענגען... נאָר איינעם פון זיי אַלע פאַרטראָגט ער יאָ. דאָס איז דעם „האַר פון די חורבות" תנחום, די סימבאָלישע געשטאַלט פון יידישע ליידן. צו תנחומען פילט דער גולם אַ גרויסע שייכות, ניט קיין קלענערע, ווי צום מהרל אַליין. אין דרייעק: מהרל — גולם — תנחום, איז דער לעצטער אַ גלייכבאַרעכ־ טיקטער אבר, אַ כוח, ווייל תנחום איז דער אידעאַליזירטער יידישער צער, דער צער וואָס האָט זיך אַליין, דורכן אויס־ שעפּן זיך ביז אַלע תהומיקסטע דעקן, אידעאַליזירט. תנחום מיט די קריעה־לאַצן אויף זיך, מיטן עקסטאַז־בילד פון זיין זון יוחננס מאַרטירער־טויט אין די אויפגעריסענע אויגן, איז ניט בלויז ליידן און זיכער ניט פּאַסיווע ליידן. תנחום האָט אַ מיסיע, אַ שליחות, אַ זין אויף דער וועלט,

וואָס ער דריקט אוים אין די רייד:

וועןֹ ניט דער גרויסער יום־טוב פסח,
וואָלט נאָך ביז היינט געלעבט מיין יוחנן,
צי זאָלן מיר דערפאַר זיך אָפּזאָגן פון פסח?

תנחום׳ס פּעסימיסטישער געשריי:

ווער קאָן ראַטעווען? ווער?
ווער וויל ראַטעווען? האַ?
ווער דאַרף ראַטעווען? ווער? —

אַ געשריי פון מעבר ליאוש ווירקט אַקטיוו, דינאַמיזירט, און קלינגט אַזוי־ארום אָפּ אין גולמ׳ס געמיט מיט לייבלע־כער נאָענטקייט... תנחומ׳ס צער ווערט דערהויבן צו אַזאַ ריזיקער הויך, וואָס גלייכט זיך אוים מיטן גולמ׳ס אויסלייז־פּאָטענצן, מיט זיין גאולה־קראַפט — און די שפּיצן פוןביידע גלייכע בערג באַרירן זיך, דערקענען זייער געמיינזאַמע שייכות... און דערפאַר איז תנחומ׳ס שגעון די בריק וואָס פירט דירעקט און אומדערשראָקן צום גולמס געמיט, און דערפאַר ווירקט אַזוי אמתדיק דעם גולמס רוף, אין איינ־זאמען פינפער־טורעם, צו תנחום׳ען: „רוק זיך צו צו מיר. נענטער״; דער מאָמענט ווען תנחום און דער גולם זיצן ביידע אין טיפן שאָטן פון פינפער־טורעם — צוויי אָפּגע־טיילטע פון אַרום, צוויי — געצייכנטע מיט די מזלות פון אַן אויסטערלישן גורל... צו תנחומען פילט דער גולם אפילו אַ ליבשאַפט, אַן אכזריותדיקע, אַן אָנגעוואָרפענע, ווי די ליבשאַפט פון גולם צום פינפער־טורעם, ווען ער, דער גולם, ווערט פּלוצים אָנגעצונדן מיטן פאַרלאַנג „אַ וואָרף טאָן זיך, (צום פינפער־טורעם) זיך אויסציען און בלייבן ליגן אַרומגעהאַלזט, אַ צוגעדריקטער צו די דילן, און ליגן אין דער פינצטערניש און לײדיקייט״...

אָבער תנחום, זייענדיק די פאַרקערפּערונג פון גאָר דעם יידן־צער, איז אַליין דאָך אַן אַרויסגעשטויסענער פון דער יידן־סביבה, אַן אַרויסגעשטויסענער דורך זיין אייגענער

שגעון - בייטש, וואָס שלאָגט אומאויפהערלעך איבער אים, דורך זיין אידעאַליזירטן צער, דורכן אויסטרינקען אין אַזאַ מאָס דעם לייד - בעכער, אַז דאָס שיסט אים אַרויף צו גאָר אויסגעטיילטע, איבערוווירקלעכע הויכן. תנחומס צער ווערט דעם גולמ׳ס צער און תנחומ׳ס גורל ווערט דעם גולמ׳ס גורל — און דער ריס צווישן גולם און זיין סביבה ווערט נאָך שאַרפער, נאָך טיפער, ביז עס ענדיקט זיך מיטן טראַגישן אַראָפּלאָזן די האַק אויף די קעפּ — פון די געשלאָגענע; מיטן גולמ׳ס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קופּע ליים אויפן בוידעם פון אַלטן פּראַגער בית־מדרש, און:

דער פינפער - טורעם איז שוין אָפן ווידער...

צו אפשר, ווייל דאָס איז די לעצטער רגע,

צעעפענען זיך אַלע שלעסער און זיי רופן: קום... —

לעצטע, אויסגייענדיקע אַקאָרדן, אַקאָרדן וואָס שליסן אָפּ מיט אַ יאָמער - נאָכקלאַנג די גולם - לעגענדע. איז אָבער דער פינפער - טורעם אויף שטענדיק אָפן - געבליבן? צי איז טאַקע דאָס געווען די „לעצטע רגע”? ה. לייוויק האָט אָט־דאָס פּראָבלעם נאָך ניט פאַרענדיקט.

ו. געוויין פון געוויסן

און אַז דאָס פּראָבלעם „גולם” האָט לייוויקן ניט צורו געלאָזט שוין נאָכן פאַרענדיקן זיין ווערק, ווייזט „די גאולה־קאָמעדיע”, דאָס צווייטע טייל, וואָס ה. לייוויק האָט אָנגע־הויבן מיט אַ יאָר צען נאָך זיין גולם - אַרבעט. שוין אין 1925 האָט זיך ה. לייוויק אויסגעדריקט אין אַ געשפּרעך, אַז „נאָך אַלע גלגולים וועט דער גולם ווידער אַרויף אויף דעם בוידעם. אַזוי דוכט זיך מיר, אַמאָל אין שווערע מאָ־מענטן. און דער גולם זאָל בלייבן וואַרטן אויף אַ נייעם גלגול”. און אָט איז דער נייער גלגול געקומען —ניטאָ שוין פּראָג. איצט איז די גאַנצע וועלט די משיח - אַרענע און די גאַנצע מענטשהייט — די גאולה - דאָרשטיקע. דער גולם

וואָס איז געלעגן, אַ שטיק ליים, אויפן בוידעם און געחלומט זיין טיפן גאולה - חלום, כאַפּט זיך אויף, קומט צום לעבן, אַמ - ווי דער לעגענדאַרער חוני - המעגל, נאָר אין גאַנצע פיר הונדערט יאָר אַרום נאָך פּראָג, אויף אַ בוידעם, וואו ס'ליגט באַהאַלטן משיח בן יוסף און זיינע אָנהענגער, פון מלך מגוגם צאָרן. ס'איז גאולה־צייט. און דערהערנדיק אַז דער ערשטער משיח — בן יוסף, וועט אָן משיח בן דוד אַליין אויך אומקומען, רייסט ער זיך פון בוידעם אַראָפּ, שפּאַנט אין מדבר אַריין, צו בן דודן, צערייסט די קייט, וואָס האָט דעם אמתן משיח געבונדן - געהאַלטן און לאָזט זיך מיט אים צו דער גאולה - אַרענע, וואָס שפּרייט זיך ביי די טויערן פון אַ וועלט - שטאָט. די גאולה־ דאָרשטיקע זיינען זיך פון פּראָג ביז היינט, משיחס צייטן, צעוואַקסן, דער משיח טרוים איז שוין אויך אין וואָר אַריינגעוואַקסן. אָבער אויך די האַק, וואָס האָט אַריבערגעוואַנדערט פון גולמס האַנט צום תליון, איז זיך צעוואַקסן, האָט געקראָגן דעם אָנבליק פון אַ גרויסע, שטאָלענע, קאַלטע זון, וואָס גלאַנצט מיט רויטן בלוט־שיין איבערן רווישנדיקן גאולה - ים...

מערקווירדיק, אַז אויך אינם לעגענדאַרישן גולם - שטאָף, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין „נפלאות מהר"ל", איז אָנגעגעבן, אַז דער גייסט פון גולם וועט אויפשטיין תחית - המתים, ווייל ער וועט דאַן דאַרפן מתקן זיין עפּעס אַ גרויסע און נויטיקע זאַך, „וואָס איז אַ פאַרבאָרגענער סוד"... שוין די לעגענדע האָט עפּעס ווי זיך געפילט שולדיק אַנטקעגן דעם גרויסן אנאנים, דעם גולם: ס'טייטש — אַזעלכע ישועות געבראַכט פאַר יידן און גאָרניט — ווידער אַ שטיק ליים... לאָמיך אָקאָרשט אויספּועלן פאַר אים תחית - המתים, און דווקא מיטן מתקן זיין אין משיחס צייטן אַ גרויסע און נויטיקע זאַך. וואָס די זאַך איז — זאָגט אונדז די לעגענדע ניט אויס. אַ סוד. אָבער אָט - איז געקומען לייוויק און האָט דעם סוד אויף אַ וואונדערלעך ־קינסטלערישן און אידייאַ־ישן

אופן אויפגעהילט: דער גולם, הגם אין זײַן צווייטן גלגול איז ער עפּיזאָד, איבערגעבנדיק די צענטראַל ראָל, חנינהן, דעם „יונגן בעטלער", וואָס איז געקומען אין פּראָג אין באַגלייטונג פון אליהו הנביא „און איז גלייך דורכן מהרל אוועקגעטריבן געוואָרן אין מדבר אריין צוריק. אָט - דער מאָמענט איז דעמאָלט פאַר דעם גולם געוועז אַן אנטשיידנדיקער; ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט טיפער משיח - בענקשאַפט און איז אריינגעפאַלן אין נאָך אַ גרעסערן אומרו" — ווי ס'זיינען די רייד פון ה. לייוויק אין פאָרוואָרט — דאָך איז ער, דער גולם אַ סך מתקן: ער איז ניט נאָר דער אויסחלומטער פון דער גאולה, ער איז דער זין, די נשמה, דער באַוועג - כוח פונם גאולה - ראָד...

אין אָט - דעם גולם - המשך קומט צום פאָרשיין די אוניווערסאַליזירונג פון גאולה - פּראָבלעם, די האָריזאָנטאַלע אויסברייטונג פון דעם משיח־מאָטיוו, וואָס אין „גולם" איז ער יידיש, פּראַגיש, און דאָ — וועלטלעך, אַלמענטשלעך. וואָרום פונקט ווי אין „גולם" שטויסן מיר זיך אָן אָן צוויי פּראָבלעמען — דאָס משיחישע — גאולה דורך גייסט צי גאולה דורך חומר — און די מרידה - טראַגעדיע פון גולם - גואל אַליין, איז אויך דער קאָנפליקט אין דער גאולה־קאָמעדיע אַ צווייאיקער — דער צונויפשטויס פון כולו חייב מיט כולו זכאי און די טראַגעדיע פון חנינהן — זיין אינערער ניט שלום - מאַכן מיט די מעטאָדן דורך וועלכע די גאולה ווערט פאַרווירקלעכט. „אין בן דוד באָ אלא בדור שכולו זכאי או כולו חייב" — ברענגט ה. לייוויק אַ מאַטאָ פון די מאמרי־חז"ל. כדי אָבער צו באַפרידיקן סיי דעם זכאי, סיי דעם חייב, וואָס זיינען נאָר צוויי עקסטרעמען פון איין פּרינציפּ, קומט די יידישע מיטאָלאָגיע און דער - ציילט, אַז ס'וועלן קומען צוויי משיחים — איינער, דער ערשטער, משיח בן יוסף, וועט אויסטראָגן דעם כולו - חייב, און נאָכהער וועט קומען משיח בן דוד מיט זיין כולו

זכאי ־ מיסיע און ברענגען די גאולה ־ שלמה... און אזוי ווי אין לעגענדע ־ שטאף פון ערשטן גולם ־ גלגול האט דער דיכטער געהאט געגוג קינסטלערישן כוח און ריינע כוונה ווייטער צו גיין אין אים, דורך זיין אויבערפלאך, אזש ביז די אפגרונטן זיינע, אויפהילן אים, אנטשלייערן, אויפווייזן די פולוועד ־ קערנער פון נישט ־ אנגענומענקייט און נישט־געוויינלעכקייט, וואס ליגט איינגעוויקלט אין די הויטן פון אנגענומענער געוויינלעכקייט, אזוי זעען מיר אויך אין לע־גענדע ־ שטאף פון צווייטן גולם ־ גלגול — א קעגנשטעלן חייב אנטקעגן זכאי און דורכדעם קומט דער ערשטער קאנ־פליקט און דאן — אנטקעגנשטעלן זכאי — קעגן די גאולה אליין, וואס האט דעם גואל געמאכט, דורך זיין בלוט ־ פאר־גיסן, פאר אוים זכאי, פאר א נייעם חייב...

שארף איז די ליניע צווישן די צוויי וועלטן — די וועלט פון זכאי און די וועלט פון חייב: צו דער לעצטער געהערן משיח בן יוסף, לילית, תליון און ארמילוס, אט־די געשטאלט וואס די לעגענדע רופט אים רשע און שרייבט אים צו אז ער קומט ארויס פון א שטיין, וואס האט דעם אויסזען פון א פרוי, איז דעריבער אפילו קיין ילוד־אשה ניט, אבער לייַ־וויק זעט אין אים דעם נביא פון היינט, דער וואס פארקער ־ פערט אין זיך דעם בייטנדיקן גייסט פון דער צייט, די לאגיק פון דער פארענדערלעכקייט, וועמענס דעוויז איז:

דער סדר פון פאסירונגען איז ניט צעריסן,
און וועט קיינמאל ניט צעריסן ווערן;
און ווער עס קאן דעם סדר ניט באנעמען, — ווי
צו אים! —

דעריבער איז ארמילוס אזא נביא, וואס „טראגט די אמתן אין זיך, ווי שווערדן אין א שייד; אט ציט ער פון א שייד ארויס איין אמת, און אט א צווייטן״...

צו דער וועלט פון זכאי געהערט חנינה, דער בלאסער און אויסגעחלומטער, דער אויסגעפיילטער און אויסגעשליפענער

פון דער דורותדיקער מדבר ־ קיט; דבורהלע, וואָס איז פאַר אים שוועסטער, מוטער און נאָך עפּעס מער, די סימבאָלישע מוטער ־ געשטאַלט פון לעבעדיקן לעבן, וואָס פּאַסט אויף אין לבנה־נעכט אַף אירע צונויפגעזאַמלטע קינדער אויפן סאַמע מיטן שליאַך פון דער גאולה, אַז אכזריותדיקע ראָד זאָל איבער זיי ניט אריבער; דער אַלטער ,בלינדער אליהו הנביא, וואָס טראָגט אַ טאָרבע עסנוואַרג פאַר די עלנדע קינ־דער. צו דער וועלט געהערט אויך יאָסעלע (גאולה ־ צייט הייסט ער יאָסעלע און ניט ,,גולם״), וואָס הגם ער בונטע־וועט זיך שפּעטער אַליין אויף קעגן חנינה׳ן, איז דאָך זיין בונט אַ כשרער, אַ זכאי׳דיקער. ער איז אפילו די בריק פון זכאי צו חייב, אַט ווי ארמילוס איז די בריק פון חייב צו זכאי — אָבער דאָך געהערט ער אהערצו, צו חנינה׳ן. היינט קען זיין אַ פרידלעכער אריינגיסן זיך פון חייב אין זכאי, אַט ווי דאָס אריינגיסן זיך פון איין שטיל ־ פליסנדיקן טייך אין די אָרעמס פון צווייטן? פאַרמאָגן דען ניט די איבערצייגנדיקע קראַפט פון לאָגיק — די אויפרייצנדיקע רייד פון לילית — פון דבורהלעס אַנטיפּאָד — צום געליבטן משיח בן יוסף:

די זאָמען פון מרידה און פון פרייהייט
האָסטו געזייט, דעם וועג צו אַלעמענס גאולה
האָסטו אַנטפּלעקט, — דעם אָרימען דערהויבן,
די רייכע און די הערשער צו דער ערד געשליידערט.
האָסט אַלץ אַליין געטאָן, אַליין געקעמפט, אַליין
פאַרגאָסן בלוט,
און איצט וועט קומען ער — דער אַנדערער
אויף אַלעם גרייטן,
און דו אַליין וועסט נאָך אים אָנטאָן אויפן קאָפּ
די קרוין פון ריינער קדושה און פון צדק,
און ער וועט דיר דערפאַר באַדאַנקען מיט דעם נאָ־
מען — רשע — — ?...

איז דען אַ וואונדער, אַז משיח בן יוסף פאַרלייקנט משיח בן דודן, וויל ניט אָפּטרעטן זיין וועג פאַר אים, פאַרשליסט אים אין תפיסה, פּייניקט אים אויפן מאַרטער - באַנק, און כאָטש ער קען ניט באַוועלטיקן דאָס געפיל פון צערטלעכקייט צו חנינהן, מחמת די אָרגאַנישע שייכות, וואָס ער, בן־יוסף, האָט צו אים, פאָדערט ער אים דאָך אויף:

גיי אַוועק צוריק אין מדבר.
כ׳וועל דיך ארויסלאָזן.
אויב וואַרטן — וואַרט דאָרטן,
ווייל דאָ דאַרף מען דיך ניט האָבן איצט,
דו שטערסט נאָר, מיט דיין אָנוועזנהייט אַליין
שטערסטו — ?

מיט וואָס אַזוינס שטערט ער אים, חנינה? און דאָ וואַקסט אַרויס דער צווייטער קאָנפליקט — ס׳איז חנינה׳ס מורא פאַר בלוט וואָס ער האָט נאָך מיטגענומען מיט זיך פון פינפער - טורעם...

ווילסט פרייד. דו ווילסט קיין טרויער ניט
און וואָס איז טרויער? טרויער איז אחריות — —
פאַר אַלץ, פאַר אַלעמען, פאַר אַלע צייטן — —

אַזוי זאָגט חנינה צו יאָסעלען. מיט אָט - דער אַחריות קומט חנינה שוין נאָך דער גאולה פון בן־יוסף, נאָך זיין זיג איבער גוג ומגוג, און זאָגט, אַז —

די וועלט איז נאָך אַלץ ערב גאולה.
ערב. ערב.
און אַלע קלאָגן. און אַלע פרעגן:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —
און אויב ניט אַלע — קלאָג איך איינער:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —
איינער, אַ בעל - חשבון, מוז דאָך פרעגן:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —

איינער, אַ בעל־חשבון מוז דאָך פאַרענטפערן:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן?

אָט־דער געוויסן־געוויין פון גואל בלייבט שוין נאָכקלינגען און דורכקלינגען ווי אַ לייט־מאָטיוו דורך דער גאַנצער פריילעך־טרויעריקער גאולה־קאָמעדיע, ווערט ניט פאַרשריען דורך דעם שווינדלדיקן טאַנץ־געזאַנג, ווען דער כולו חייב, נאָך בן־יוספס זיג, האַלט אין יובלען; ווערט ניט פאַרלאָשן אויך דאַן, ווען יאָסעלע, חנינה׳ס נאָנטע געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי אַריינגעחלומט אין חנינהן, אַז ער האָט אפילו זיין אויסזען אויף זיך אַרויפגעצויגן, קומט צו חנינהן מיט די גרויסע פאָדערונגען, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער גאולה און פאָדערט ביי אים, דעם בעל־חשבון, אויך זיין, יאָסעלעס חשבון:

צאָל אָפּ פאַר יאָרן אין די קעלערס, אין די גריבער,
אין די תפיסות —

צאָל אָפּ;
צאָל אָפּ פאַר אַלע אומגעבראַכטע, אומגעקומענע אין
הונגער, אין מלחמות,

צאָל אָפּ;
צאָל אָפּ פאַר וואוילטאָג, וואָס די רייכע, וואָס די גליקלעכע האָבן אויסגעהוליעט —

צאָל אָפּ;
צאָל אָפּ אויך מיר פאַר אַלע יאָרן די געפּינצטערטע
אויפן בוידעם —

צאָל אָפּ;
צאָל אָפּ אויך זיך אַליין פאַר גאָר דעם עלנט דיינעם
אין דער מדבר —

צאָל אָפּ. — —

יאָ, דער חשבון פאָדערט טאַקע אָפּצאָל — אָבער מיטן אָפּצאָל פון פאַרגאָסענעם בלוט קען חנינה, וואָס רירט זיך צו מיט איידעלע צאַרטע הענט ווי סטרונעס צו דער מוטערלע־

כער שוועל פון דער וועלט — ניט מסכים זיין. ער קען מיט אזא חשבון - אַפּצאָל ניט מסכים זיין אויך דאָן, ווען דאָס פאָלק רייסט אים, חנינהן, ארויס פון בן - יוסף׳ס תפיסה, און צווינגט אים מיט זיינע אייגענע הענט אומצוברענגען משיח בן־יוספן, ווייל — לויט די רייד פון ארמילוס —

א מחיצה איז נאָך אַלץ דאָ צווישן דיר און אונדז.

די מחיצה איז — בן - יוסף.

צערייס, צעהאַק זי די מחיצה, — טרעט אַריין

אין דיין דערוואַרטן קיניגרייך פון זכאַי.

חנינה צעהאַקט טאַקע מיטן תליונס האַק די מחיצה, אָבער אין קיניגרייך פון זכאי טרעט ער אַלץ ניט אריין. אפילו די אויסגעשניטענע צונג דורך בן־יוספן, פון אַלטינקן אליהו באַרעכטיקט ניט זיין טאַט. און אַנשטאָט אין זכאַידיקן קי־ניגרייך פון גאולה שליסט ער זיך גאָר אַליין איין אין תפיסה, געיאָגט פון זיין אייגענעם יאָמער:

וואָס פאַר אַ טראָפּן טריפן פון מיינע הענט?

וואָס זעט איר אויף מיינע בענטשנדיקע הענט? —

דער אַלטער חשבון - געשריי פון „וואָס טוט מען מיטן בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן" צווינגט אים לסוף, ווען דאָס פאָלק פאַדערט אים פון זיין תפיסה אַרויס, אנטיילצונעמען אין דער גאולה - סעודה, איבערצוגעבן דעם „אויבן אָן" יאָסע־לען, דעם וואָס האָט חנינהן אויסגעהלומט, פאַרווירקלעכט און אַליין פאַרזאָגט ער דעם תליון, ער, דער תליון, זאָל טאָן זיין „לעצטע שליחות" און גיין נאָך אים אין קעלער אַריין... אזוי פאַרשווינדט דער גואל, ווען די גאולה יובלט!...

ניט שווער צו געפינען, אַז סיי דער געשיכטלעכער גאַנג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, סיי פון דער רוסישער רעוואָלוציע — מיט אַלע זייערע מאַראַט - דאַנטאָן־ראָבעספּיער און לענין - טראָצקי - סטאַלין - מעטאַמאָרפאָ־זעס, און אַפילו מיט דער אייזערנער ארמילוס - לאָגיק, וואָס אין זיי, קוקן אַרויס ווי הינטער אַ שלייער פון אַט - דער

דראַמאַטישער פּאָעמע, וואָס איז מיט איר גאַרן יידיש־אַפּאָ־קאַליפּטישן לבוש אַן אוניווערסאַלע, היינטצייטיקע שאַ־פונג. ס'פרעגט זיך נאָר צי האָט לייוויק געפונען אַן ענטפער, אַן אויסגאַנג ־ ענטפער צו אָט „דאָס מעשהלע פון ליבשאַפט, וואָס איז געוואָרן בלוט; דאָס מעשהלע פון בלוט וואָס איז געוואָרן ווייַן“? אויף דעם לאָזט זיך ענטפערן, אַז שוין מיט אַזאַ עטישן, געוויסנהאַפטן אַוועקשטעלן אָט דאָס מעשהלע־פראַגע איז שוין לייוויק דערגאַנגען צום סאַמע האַלב־וועג פונם ענטפער, דעם אַנדערן האַלב־וועג צייכנט ער סיי מיט די סאָציאַלע דראַמעס „קייטן“, „הירש לעקערט“, סיי מיט די לידער און דראַמעס וואָס קומען נאָך זיי.

ז. לעקערטס באַגינען.

דער עטישער אימפּעראַטיוו וואָס שלאָגט אַזוי וואַכזאַם אין אַלע ווערק פון ה. לייוויק קומט צום באַזונדערן אָפּשיין אין זיין סאָציאַלן מאָטיוו, אין זיין צורירן זיך מיטן וואָרט, ווי פייער צו פייער, צו דער קלאַסן ־ פּראָבלעם פון אונדזער צייט, צום „דערגרונטעוועץ אָרימסטן טרויער און אָרימסטן לעבן און זינען אַנטפּלעקן“. אָנגעגאָסן מיט שטאָל איז לייוויקס סאָציאַלער מאָטיוו. ער איז דורכגעפילטרירט דורך אַן איינגאַרטיקער פּערזענלעכקייט, ער איז צוזאַמענגעוואַקסן מיטן אייגענעם אייביקן הונגער, „צי הונגער נאָך ברויט, צי הונגער נאָך ליבע, צי הונגער נאָך אַ וואָרט נאָך אַ גוטן“, מיטן אייגענעם טיפן דראַנג אַנדערש צו מאַכן די וועלט, און אויך מיט דער אייגענער מאַרטיראָלאָגיע, מיטן אַדורכגע־טראָגענעם אין זיך אַליין סאָציאַלן פּיין. אין ליד צו הירש לעקערט זאָגט דער דיכטער:

> אָ, איך ווייס ניט ווען, נאָר איך ווייס, אַז ס'וועט קומען
> אַ שעה אַזאַ, וואָס וועט זאָגן צו יעדן איינעם: נעם
> אַזאַ באַגינען זיך ווי לעקערט האָט גענומען.

אַט די גרייטקייט זיך אַליין פאַר אַ קרבן צו ברענגען, צו וועקן דעם מאָראַלישן אמת אין מענטשן, טיילט לייוויקן ארויס פון דעם דורכשניטלעך - אַנגענומענעם סאָציאַלן מאָ־טיוו. לייוויק פאַרוואַנדלט ניט זיין סאָציאַלן מאָטיוו אין אַ הויפן קופּער - געלט, מיט וועלכן מען קאָן קלינגען אַף אַלע יארידן... „ווי ברויט זיך אָפּגעבן דער הונגעריקער ערד"— דאָס איז דער פּאַראָל פון פּאָעטישן געוויסן, וואָס ברענט אין לייוויקס וואָרט. אָט־די פּאַרטיפּטע אויפפאַסונג פון דער סאָציאַלער פּראָבלעם איז דער אוממיטלבאַרער גורם צום דיכטערס פריי - ווערן פון זיין באַזונדערקייט „אַזוי ווי פון אַ שטיינ", צום צונויפשמעלצן זיין ווייַ מיטן פּיין פון אַלע ליידנדיקע, צום דערגרייכן יענער מדרגה, וואָס זאָל דערמעג־לעכן, אַז מזלות פון מענטשן זאָלן ליגן פאַרן דיכטער אָפן „ווי די ליניעס פון מיין האַנט'ס פלאַך". לייוויקס סאָציאַ־לער אמת קליידט זיך אָן אין קאָנקרעטע פּאָעטישע פאָרמען סיי דאָרט, וואו לייוויק שעפּט באַגייסטערונג פון נייעם לעבן ווי אין זיין ציקל „היים סאָוועטישע", וואו דער דיכטער זינגט מיט אמתן, מענטשלעכן, ניט - געפעלשטן און ניט חניפהדיקן עקסטאַז:

דיינע ברכות, היים, ווי פויגלען ווייסע
טראָגן זיך אַריבער בערג און היילן.
אין מיין האַרץ — דיין וואונדער - מעשה
אונטער אַלע הימלען צו דערציילן.
אונדזער פרייד, די ברעמען צו פאַרמאַכן,
שפּילט פאַר זיך אַליין אַזאַ מין ניגון,
וואָס עס שפּילט דער ווינט אויף רוסלאַנדס שליאַכן
אַ פאַרהוליעטע בעריאָזע צו פאַרוויגן — —

סיי דאָרטן, וואו דער דיכטער קומט שטראָפן פאַר סאָציאַ־לער אומגערעכטיקייט, ווי אין זיינע געהאַמערטע לידער וועגן סאַקאָ און וואַנצעטי; און סיי דאָרטן, וואו דער דיכ־טער שטייט אַ געבראָכענער אין פּיין פאַר דער גרויסער

ראַסן - קללה, וואָס שטעמפּלט אַזוי בלוטיק דעם פּנים פון דער מענטשהייט: אין זיינע לידער „נעגערשעס". נאָר ווען מען לייטערט זיך אַליין אין ליד ווי אין אַ קאַלך - אויוון קאָן מען דערגיין צו אַזעלכע שורות, מיט וועלכע דער דיכ־טער ווענדט זיך צום נעגער - שטאַם:

אָנטקעגן דעם געוויין פון אייער הויט און גליד
איז לעכערלעך דאָס געוויין פון מיין געוויסן!

געוויין פון געוויסן — דאָס איז אויך דער אינערער סטי־מול צו ה. לייוויקס דראַמעס פון ריין - סאָציאַלן, רעוואָלו־ציאָנערן פאַרנעם און כאַראַקטער ווי „קייטן" און „הירש לעקערט". דאָס פּראָבלעם וואָס קלאַפּט ווי אַ לעבעדיקע האַרץ אין דער דראַמע „קייטן" איז אייגנטלעך אָט - דאָס פּראָבלעם, וואָס לייוויק פאַרקערפּערט אין דער „גאולה - קאָמעדיע" (געשריבן מיט איניקע יאָר שפּעטער נאָך „קייטן"); ס'איז דאָס פּראָבלעם פון גאולה און גואל, פון ציל און מיטל, פון געוויסן. אויך אין אָט־דער האַרב־רעאַ־ליסטישער דראַמע איז אָנצוטאַפּן צוויי פּראָבלעמען - טע־מעס, וואָס וואַקסן אַרויס איינער פון דער אַנדערער — עס איז די טעמע פון דער רעוואָלוציע גופא, אין איר צונויפּ־שטויס מיטן אַרום, אין די ראַנגלענישן וואָס ליגן אין איר אַליין—וואָס נעמט אַרום די ערשטע צוויי אַקטן און שליסט זיי אפילו אָפּ ווי אַ מין דראַמע פאַר זיך. ס'איז אָבער אויך די טעמע פון די רעוואָלוציע - פאַרווירקלעכער אין זייער צונויפשטויס מיטן אייגענעם געוויסן, מיטן עטישן אימפּעראַטיוו, וואָס דערלאָזט ניט גלייכגילטיק אַריבערגיין איבער טויטע קערפּערס, איבער בלוט, וואָס צעבונטעוועט דניאלן קעגן זיין לערער און חבר לעווינען, וואָס פאַרוואַנדלט לסוף לעווינען אין אַ מאַכטהאָבער לגבי דניאלן, — אָט - דאָס וואָס פולט אויס דעם לעצטן אַקט. אפילו איר אייגענעם „אַרמילוס", ניט בלויז די חנינה'ס, די בן־יוסף'ס, פאַרמאָגט די דראַמע „קייטן". ס'איז דער שמיד, דער אייביקער

קייטן ־ שמידער, דער, וואָס איז תמיד איבער די געשעע־ נישן, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאָר די משונהדיקע, איי־ זערנע „קייטן ־ לאָגיק'' פון די געשעענישן... די דראַמע „קייטן'' שפילט זיך אָבער אָפּ אין צאַרישן סיביר. און איר אינערלעכע קראַפט שטראַלט זי אַזוי ארום אויס אויף אונדז נ״ט בלויז אַ דאַנק איר קאָנקרעטן, רעאַליסטישן, אויסדרוק־ברענגען לייוויקס מאַטערנדיקער פּראָבלעם, נאָר אויך אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז אָנגענומען מיט יענעם אוממיטלבאַרן אָטעם פון סביבה, פון פיזישער איבערלעבונג — מיט וועלכער לייוויק אָטעמט אין ווערק. סיביר — דער שמעלץ ־ טיגל פון לייוויקס דיכטער ־ געשטאַלט, ביים סאַמע בראשית פון איר אַנטוויקלונג, גיט ווידער אַ ווייַ אויף אונדז מיט אַכזריות ־ אַטמאָספער, מיט שנייאיקער פאַר־ וואָרפנקייט, מיט גרויסער איינזאַמקייט און בענקשאַפט נאָך פרייהייט וואָס דערפירט נוקין צו שגעון, טייל חברים־אַרעס־ טאַנטן צום פונאַנדערפאַל פון זייער מאָראַלישן פרצוף־פנים און לעווינען — צו אַנטשלאָסענעם טאַט און העלדישן, רע־ וואָלוציאָנערן אומקום. דניאל, דער יונגער רעוואָלוציאָנער, וואָס פליסט אַריין אין קאַטאָרגע ־ צעל ווי פריש, יונג בלוט אין אַן אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם, פאַרקערפּערט מיט זיך דעם „כולו זכאי'' פון דער רעוואָלוציע, איר אומשולד, איר תמימות, איר חן. ער קומט מיט דער לעגענדע וועגן הייליקייט און גוטסקייט. אָבער לעווינע שטעלט אַנטקעגן אָט־דער לעגענדע אַוועק — ווילן, טאַט. „גוטסקייט און צדקות האָט די וועלט גענוג. די וועלט דאַרף האָבן ענדערונג. מער גאָרנישט. און ענדערן די וועלט מוז מען, אפילו ווען דער מענטש אַליין קען זיך נישט ענדערן''. דעם מענטש מיט אלע זיינע געבאָטן, אפילו מיט זיין העכסטן געבאָט — מיט זיין מאָראַל — מוז מען אונטערוואַרפן דעם דעוויז פון וועלט ־ ענדערונג, אויב זי, די ענדערונג פאָדערט עס. דאָס איז דער קלאָרער אַני מאַמין פון אַ לעווינע, יאָ, ער איז

קלאָר, ווי קלאָר ס'איז יעדער וועג, וואָס הייליקט די מיטלען פאַרן ציל. דניאלס וועג איז אַ פּיל - פאַרנעפּלטערע, ווייל אַ דורכגעגנומענער מיטן באַוווסטזיין, אַז אויב מקריב זיין דעם מענטשן — זיין עטישן נשמה - יסוד — דאַן צוואָס פאַרא נוצן פירט אָט - די וועלט - ענדערונג, אפילו ווען זי מוז קומען — איז דען ניט וועלט אָן מענטשן אַף אויסגעהוילטער באַגריף? — דאָס איז דער זין פונם שאַרף־ביטערן דיאַלאָג וואָס קומט פאַר צווישן לעווינע — דניאל. אָבער אָט־קומט לעווינעס סוף — דער סוף פון עקספּערימענטאַלן אויפשטאַנד פון די קוילנגרעבער אין צפון - סיביר — דער מאָמענט פון קידוש - הגאולה אין לעווינעס לעבנס־וועג און שטעלט אים אַוועק אין אַ גאַר - באַזונדערער הויך. דורך לעווינעס פּריוואַליקן העלדישן טויט ראַטעוועט לייוויק ניט בלויז די פאַרענדיקטקייט, די וואונדערלעכע, די באַרעכטיקנדיקע און אידעאַליזירנדיקע, פון לעווינס געשטאַלט, ער מאַניפעסטירט אויך זיין אייגענע איינשטעלונג צו דער רעוואָלוציע, צום רעוואָלוציאָנערן העלד. ס'איז כדאי אויף דעם אָרט צו ברענגען שטעלן פון לייוויקס אַ געשפּרעך, וואָס באַרירט אָט־דעם מאָטיוו: „איך ווייס גאַנץ גוט, אַז עס זיינען דאָ מאָמענטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען מ'מוז גיין אויף באַריקאַדעס און אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר אידעאַלן. איך פיל און איך פאַרשטיי דעם־אַ מוז, און איך אַליין האָב עס איבערגעלעבט און אויפגענומען און באַזונגען. דער קאָנפליקט אָבער הויבט אָן וואַקסן אין מיר נישט אַזוי דעמאָלסט, ווען איך טראַכט וועגן דעם מענטש, וואָס גייט אויף דער באַריקאַדע, נאָר בעת איך טראַכט וועגן דעם, וואָס שיקט אויף דער באַריקאַדע. — די ליידן פונם קרבן - ברענגער וואָלטן באַדאַרפט זיין גרעסער ווי די ליידן פונם קרבן גופא —— און דאָס סאַמע וויכטיקסטע דערביי איז, וואָס איך שפיר אָפט, אַז דער קרבן - ברענגער איז גאַר צופרידן מיט זיך. דאָס איז דער טיפסטער פּיין, וואָס איך

האָב געזוכט צו פאַרקערפערן אין מיינע מערסטע אַרבעטן״.
אין דעם פאַל לעווינע האָבן מיר ניט בלויז אַ שיקער. מיר האָבן אויך גלייכצייטיק אַ גייער. דאָס פאַרוואַנדלט דעם קרבן - ברענגער גופא אין אַ קרבן. לעווינע ווערט דורך זיין טויט ניט בלויז אַ פאַרגאַנצטערער, אַ פאַרענדיקטערער אין זיין אינערלעכן מהות. ער ווערט אַ פאַרפילפאַכטער. ווייל ער נעמט אַריין אין זיך אי נוקים עלנד, אי דניאל׳ס געוויסן - פיין. ער וואַקסט אויס צום אָנהייב און סוף וועג פון דער רעוואָלוציע, צו איר סימבאָל. און דאָס איז אויך דער טיפערער זין פון נוקי׳ס רייד, וואָס שליסן אָפּ די גרויזאַם-העראָאישע קייטן - סימפאָניע: „אַלע מאָל מוז זיין איינער. איינער, וואָס גיט זיך אַוועק פאַר אַלעמען. און אַלע דאַרפן באַגלייטן דעם איינעם. און אַלע דאַרפן זיך צעטיילן מיט זיין לעבן אויף גלייכע חלקים. אַזוי ווי מען צעטיילט זיך מיט ברויט״ — — —

און אַז ה. לייוויק אידעאַליזירט דעם איינעם „וואָס גיט זיך אַוועק פאַר אַלעמען״, אויב אַפילו דער איינער הייבט אויף די פאָן פון טעראָר, באַווייזט לייוויקס קראַפטפולע דראַמאַטישע פאָעמע „הירש לעקערט״, וואָס איז דער שענסטער דענקמאָל, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט געשטעלט דעם גרויסן יידישן פאָלקסהעלד און מאַרטירער. לעקערט׳ס טאַט ניט נאָר וואָס ער איז ניט געווען אין סתירה צום רעוואָלוציאָנערן גייסט, נאָר ער איז, להיפך, געווען איינע פון זיינע טיפסטע אַנטפּלעקונגען. אָבער דאָס ווערט אונדז קלאָר, זיך באַקענענדיק מיט לעקערט׳ס לעבן-און-קאַמף-וועג, ווי ער איז געקומען צום פאָרשיין אין לייוויקס ווערק. געבן אַ קינסטלעריש - שלימותדיקן תיקון אַ העלד פון דער נאָענטער צי וויטער פאַרגאַנגענהייט איז איינע פון די הארבסטע אויפגאַבעס פאַרן אויפריכטיקן קינסטלער. דער העלד לעבט געווינטלעך אין פאָלקס דמיון אַן ארומגערינגלטער מיט אַן אָרעאָל פון העלדן - מעשים, וואָס ווערן נאָך קאָליר-

פולער צוגעפּאַרבן פון פאָלקס רייך־פאַרצווייגטער פאַנטאַזיע. און גראָד אָט־די העלדן ־ מעשים דינען אָפט ווי אַ שטרויכלשטיין פאַרן שעפער. ווערנדיק פאַרכאַפּט פון זיינע מעשים, פאַרגעסט אָפט דער קינסטלער דעם העלד אַליין. ה. לייוויק האָט אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע געגעבן אונדז קודם־כל דעם מענטשן לעקערט, דעם מענטשן, וואָס זיין פשוט, ערלעך און האַרט לעבן איז געווען אַזוי העלדיש ווי זיין טויט. און אָט־דער צוגאַנג פון לייוויקן עפנט שוין פאַר אונדז אויף טיר און טויער אין לעקערטס מהות. אַ שטיק יידיש לעבן אין די רעאַקציע ־ יאָרן פון דעספּאָטישן צאַריזם, אין האַרצן פון יידישן תחום אין ווילנע, נעמט זיך וועבן פאַר אונדזערע אויגן. די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער ־ באַוועגונג האָט אויסצושטיין אַ קאַמף ניט נאָר מיטן אַלגעמיינעם באַדריקער פון רוסישן און הויפּטזעכלעך יידישן פאָלק — דעם צאַריזם, נאָר אויך מיט איר סביבה, מיטן יידישן לעבן גופא, וואָס איז נאָך, על פּי רוב, פרעמד צו די נייע קולות פון דער אויפוואַכנדיקער אַרבעטער־מאַסע. די דראַמע באַוועגט זיך אויפן פאָן פון ר׳ זאַליעס אייביקן גמרא ־ ניגון, וואָס איז „ביין, פאַרקלעמט און שניידנדיק ווי אַ מעסער״. דער הינטערגרונט פון דער ערשטער מאַי ־ דעמאָנסטראַציע איז דער ווילנער שול־הויף מיטן בלינדן יידן און מיט זיין פירער, די סימבאָלן פון אַלט־יידישקייט, מיט ר׳ זאַליעס „ווײ צו די זינדיקע און צוויי מאָל ווײ צו די שטראָפער״ און מיט גאַנצן אַלט ־ יידישן שטייגער־לעבן, וואָס הייבט זיך אַרויס ווי אַ מאָדנער קאָנטראַסט צום ערשטן מאַי. ס׳איז צונויפשטויס פון צוויי וועלטן, פון אַ וועלט וואָס גייט מנחה ־ דאַווענען און פון אַ וועלט וואָס גייט איבערקערן טראָנען. אַנטקעגן ר׳ זאַליעס „איין ייד איז גענוג!״ גייט לעקערט׳ס „איין קעמפער איז גענוג!״. אָבער נישט נאָר מיטן יידישן אַרום קעמפט די יידישע פרייהייט ־ באַוועגונג. אויך די פערזענלעכע, הײ־

מישע לעבנס - ספּערע פון לעקערטן פּענטעט אים זיינע טריט. די ווייב „וואָס קוקט מיט געשאָכטענע אויגן", די מאַמע „וואָס פאַרווייגט דאָס לעבן" — דאָס זיינען נאָר צוויי שטריכן וואָס שלעפּן דעם טעמפּעראַמענט פונם רע־וואָלוציאָנער צו דער ערד צו, צו דער שפּלותדיקער וואָר צו. און ניט נאָר אין זיין פּערזענלעכן לעבן, אויך אין דער באַוועגונג גופא קומט אויס לעקערטן צו פירן א קאַמף און גראָד מיטן אָנפירער אַליין, מיט איסאַקן, וואָס איז צעפּרעסן פון יאוש, און וואָס קומט — גראָד ער! — מיט מאָראַלי־שער וואָרנונג כלפּי לעקערטס רעוואָלוציאָנערישקייט. אַזוי איז דאָס לעבן פון הירש לעקערטן, פון אָט־דעם קעלער - יונג, וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו דער העכסטער הויך פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, צום עשאַפּאָט, א קאַמף אין א קאַמף, און וואו נאָר ער ווענדט זיין בליק, זעט ער שטע־רונגען, סתירות, צווייפלען:

איך האָב איבערגעטראַכט אַלצדינג אין טורמע.
ס'איז גוט געווען די טורמע פאַר מיר — — — —
איצט ווייס איך, אַז מיטן גאַנצן לעבן דאַרף מען,
מיט דער נשמה אָפּגעבן דעם קאָפּ. — טאַקע אָפּגעבן!
מען זאָל אים אַוועקלייגן אויף אַ פּלאַכטע, זאָל מען
אים.
ווייל — אַז נישט — צוואָס האַלטן מענטשן אין
אַ קעלער?

דאָס איז לעקערטס ווידוי פאַר זיין חברטע רחל, ווען ער בויערט זיך אַליין אין אייגענעם לעבן אַריין, ווען ער דער־טאַפּט מיט זיינע חושים די „אַלץ וואַקסנדיקע מאָדנע דער־קענטעניש וועגן זיך". און מאָדנע, ווי אָט דער פּשוטתדיקס־טער פאָלקסמענטש דערגייט צו אַזאַ קלאָרקייט אין זיין לעבן, צו אַזאַ הויכער און גייסטיק - גאַנצער לעבנסאויפפאַסונג. ווי ניט זיין באַוואוסטזיין, נאָר זיין עכט־רעוואָלוציאָנעריש בלוט וואָלט אַריינטאָן אַ העכערן און טיפערן אינהאַלט אין

זיינע רייד, זיי פאַרוואַנדלט אָפּט אין סימבאָלישע באַטראַכ־טונגען וועגן לעבן, קאַמף און גורל. ווייל רעוואָלוציע איז פאַר אָט ־ דעם „אינטואיטיוון רעוואָלוציאָנער" מער ווי אַ באַגריף, אַ שיטה. ס'איז — זיין אָנגעצייכנטער וועג אין לעבן אַריין, דער ריטם פון זיין האַרץ, דער קאָליר פון זיין בלוט און דער גורל וואָס נעמט אים דורך, באַצווינגט אים. דערפון אַזעלכע רייד, ווי „אויף דער פאָן קלאָג איך ניט. מען קען אויפנייען אַן אַנדערע". אָדער: „זאָל ער זיך לעבן פאָן וואָל, מיך אַרט נישט. אָבער דער גובערנאַטאָר איז טויט". הירש לעקערט איז אַליין דאָס געוויסן פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אַ וועק געטאָן גראָד אין די טיפענישן פון פאָלק, האָט געפונען די פאַרקערפּערונג אין איינעם פון די תמימותדיקסטע און הייליקסטע פאָלקס ־ קינדער. ווייל נישט נאָר דער קלאַסן ־ פיינט פאָן ־ וואָל האָט געמאַכט אויפהייבן לעקערטס האַנט צו טעראָר, נאָר אויך און בעיקר דער מענטשן ־ שענדער פאָן ־ וואָל, וואָס האָט באַליידיקט, נישט נאָר אונטערדריקט, און נישט גראָד רעוואָלוציאָנערן, נאָר מענטשן.

עס עסט מיך די חרפה פון שמיץ,

און דאָס שמייכעלע פונם תליון שלאָגט מיך איבערן
פנים.

— אַזוי רופט אויס לעקערט. נישט דער תליון שלאָגט אים איבערן פנים, נאָר דאָס שמייכעלע פון תליון. אין דאָזיקן ליכט לעקערטס, באַווייזט ער זיך פאַר אונדז אין זיין גאָרער מאָראַלישער הייך. ניט דער העלדנטאַט אַליין דערנענטערט אים צו אונדז, נאָר אויך זיין טיפע מענטשלעכקייט, אויף אַלע זיינע שטאַרקע און שוואַכע מאָמענטן, מיטן האַלב ־ שיכורלעכן „שבועה" ־ געזאַנג (וואָס קלינגט אַזוי היים ־ מענטשלעך) ווי מיט זיין אייזן ־ ניכטערן קול פון מאָנונג און דערמאָנונג. און שטאַרקע מאָמענטן האָט לעקערט אַ סך. מאָמענטן, וואָס עפענען זיין וועזן פאַר אונדז. ס'איז

נישט בלויז דער מאָמענט פון לעקערטס שאָס, נישט בלויז, ווען ער צייכנט מיט קרייד אויפן וואַנט פון תפיסה - צעל זיין אייגענע תליה (וואָס פאַרא העלדן־נשמה, וואָס וואַקסט אויס ביז מיטאָס!) ס׳איז דאָ נאָך אַ מאָמענט אַ שטאַרקער, אפשר דער שטאַרקסטער, דער דערהויבנדיקסטער, אויב אַפילו דער מאָמענט איז אַ לייוויקישער, אַ „צוגעדיכטע־טער״ — ס׳הייסט אַן ארויסגענומענער פון לעקערטס „הע־כערער ווירקלעכקייט״, פון דער ווירקלעכקייט, וואָס שפּיגלט זיך אין דיכטערס געמיט, אין זיין זעאונג. ס׳איז דער מאָ־מענט פון לעקערטס צעשיידן זיך פאַרן טויט מיט מענדל דעם וואַסער־טרעגער (אַ באַליבטע געשטאַלט לייוויקס, נאָך פון זיינע קינדער־יאָרן), מיט אָט דער סימבאָלישער פאַר־קערפּערונג פון דער גרויסער הייליקער תמימות פון דער אונטערדריקטער פאָלקסמאַסע, וואָס פאַר איר לייגט עס דער רעוואָלוציאָנער זיין קאָפּ, באהבה. מענדל דער וואַסער־טרע־גער, דער נאַר, דער געטראָטענער, וואַקסט דאָ אויס צו אַ ריזן - הויך פון איבערנאַטירלעכן קינסטלערישן און מאָראַ־לישן מאַסשטאַב. און דורכדרינגענדיק ביז די וואָרצלען פון אונדזער גייסט ווירקן די רייד, וואָס מענדל דער וואַסער־טרעגער זאָגט צו הירשקען, זיין הירשקען, אין רגע פון צע־שיידונג:

זאָלסט נישט מורא האָבן, הירשקע, —
אַז דו ווערסט פון דאַנען אַרויסגיין פאַרטאָג,
זאָל זיך דוכטן, אַז דו ביסט אויך אַ וואַסערטרעגער,
און דו גייסט און דו טראָגסט צוויי עמערלעך אויף
די אַקסלען — !
דו הערסט הירשקע?

און ווייטער:

ביסט געווען ביים ברונעם און אָנגעשעפּט זיי פולע,
זאַרפּסטו גיין רואיק און נישט הוידען זיך צופיל —

קיין טראָפּעלע נישט פאַרגיסן,
אַזוי ווי אַ גוטער וואַסערטרעגער.

— דאַרף מען אַ שענערע, געליטערטערע און אמתדיקערע אידעאַליזאַציע פון דער וואַסערטרעגערישער פאָלקסמאַסע, ווי אָט־די, וואָס קומט צום פאָרשיין אין אָט־די רייד מענדל׳ס, רייד וואָס הייבן אַרויף דעם מאַרטירער און רעוואָלוציאָנער צו זיין עשאַפּאָט־הויך מיט די צאַרטסטע, איידלסטע און צוגלייך קרעפטיקסטע אָרעמס?...

ח. גערשאַנגל.

קוקן מיר זיך צו נענטער — פון וואָס פאַרא קוואַל עס שטראָמט אַרויס ה. לייוויקס עטישער אימפּעראַטיוו, די אַלט נביאישע מאַניפעסטאַציעס פון גערעכטיקייט, וואָס זיינען אונטערגעבעט אונטער לייוויקס היינט־צייטיקן סאָציאַלן מאָטיוו, געפינען מיר איין, אַז דאָס איז דעם דיכטערס אומאויפהערלעכן פאַרנעמען זיך מיט מענטש, מיט דער דראַמע פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס שטייט אין סאַמע צענטער פון דיכטערס אויפמערקזאַמקייט אויף זיין גאַנצן שאַפונגס־וועג... „אין אַלע מיינע ווערק — זאָגט ה. לייוויק — נישט געקוקט אויף די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון, מיט וועלכע זיי זיינען אַדורכגעדרונגען — איז די הויפּט־רעגונג מיינע אויפצודעקן דעם מענטש, די דראַמע פונם יחיד פאַר זיך גופא. ווען איך טראַכט וועגן לעבן, זע איך קודם כל דעם מענטש, וואָס ליידט, און וואָס עס רעגט מיך אַמשטאַרקסטן איז: דאָס ליידן זיינס, און איך וויל געפינען אַ באַרעכטיקטן זינען פאַר אָט־די ליידן”. די דראַמע פון דער מענטשלעכער נשמה, דער באַליידיקטער, געקריוודעטער און רעוואָלטירנדיקער אין אויפגעשריגענעם צער — דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון אַלע לידער לייוויקס, ווי

פון לייוויקס דראַמעס, וואָס זיינען אויך אין זייער תוך — פאַרבּרייטערטע, פאַרגעשטאַלטיקטע לידער. דער מענטשלעכער יחיד, אין זיין געקריוודעטקייט, אומצופרידנקייט, אין זיין געראַנגל מיט כוחות אינערע אין אים און אויסערע פון אים, אין זיין קאַמף מיט סביבה, מיט גורל, — דינט פאַר לייוויקן ווי אַן אַריינבּליק אין דער וועלט, אין בּרייטערן מענטשלעכן לעבּן בּכלל. ערשט דורך דער פּריזמע פונם מענטשלעכן יחיד לאָזט זיך גאַנץ - בּאַזונדערש דערקענען די וועלט, וואָס ליגט אויסער אים. אין דעם פּרט איז לייוויק אַזוי גרונט - פאַרשיידן פון די אָנגענומענע סאָציאַלע דיכטער, וואָס קומען צו דער טראַגעדיע פון געשלאָגענעם מענטשן, מיט פאַרטיקע, פון דער פרעמד גענומענע געזעלשאַפטלעכע מאָסן, פאַרזעענדיק די אינערע טראַגישע קאָנפליקטן פון יחיד גופא, וואָס ווערט דורך זיי פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַן אַנאָנים, אַ לעבּנלאָזן שטויבּל אין ריזיקן „קאָלעקטיוו”. לייוויק איז אָבּער דורכגעדרונגען מיטן בּאַוווסטזיין, אַז דער בּאַגריף קאָלעקטיוו שטעלט מיט זיך בּשום-אופן נישט פאָר קיין מעכאַנישע קאָנסטרוקציע, וואו דער אינדיווידיאום דינט נאָר ווי אַ בּלינד-געהאָרכזאַם שרייפל. מענטש איז — לעבּן, נערוון, גוף, נשמה; מענטש איז אַ קאָמפּלעקס פון וואונטשן, ראַנגלענישן, עליות און ירידות; מענטש טראָגט אין זיך נישט נאָר נויטן פון בּרויט, נאָר אויך נויטן פון לייבּ, פון וואָרט, פון חלום. דאָס מענטשלעכע געמיט איז ניט בּלויז אַ ניט - געפלאַסטערטער וועג וואָס נעמט אויף די קאַרבּן וואָס ס'קריצן אין אים איין האַמעטנע, שווער - דורכפאָרנדיקע וועגענער; עס איז אויך אַ קלאָרער טייך-שפּיגל, וואָס כאַפּט אויף דעם דינעם שאָטן פון אַ פאַרבּייפליענדיקן פויגל... און ווען מען דערזעט ניט די אינערע וועלט פון יחיד — בּאַקומט מען אויך אַ פאַלש בּילד פונם קאָלעקטיוו. דערפאַר אַזויפיל מענטש-בּאַוואוסטזיין אין לייוויקס שאַפן, אַזויפיל אָפּגעבּן - זיך מיט מענטש,

אַזאַ כסדרדיקע וואַריאירונג פון מאָטיוו — די דראַמע פון דער מענטשלעכער נשמה.

דאָס לאָזט זיך דערקענען אַמדייטלעכסטן אין די יעניקע דראַמעס פון ה. לייוויק, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער ייִדיש־אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, מיט די אַלע קאָנפליקטן וואָס וואַקסן אויס פונעם צונויפשטויס פון ייִדישן עמיגראַנט מיט דער נייער וואָר. פּונקט ווי לייוויקס ליד טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון פּראָבלעמען ־ דיכטונג, איז אויך זיין דראַמע, געשעפּט פון דער ייִדיש ־ אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, אַ פּראָבלעמען ־ דראַמע, זיך אויפהויבנדיק צו סימבאָלישע הויכן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז גלייכצייטיק אַזוי אָרגאַניש געבונדן מיט די רעאַלע נויטן פון האַרטער, רויער אַלטעגלעכקייט. און דערגרייכט האָט עס לייוויק אַ דאַנק דעם, וואָס אין סאַמע רווישיקן ים פון דער ייִדישער איסט ־ סייד, האָט ער געזען און געשטאַלטיקט דעם יחיד, פורעם געגעבן דעם פּסיכאָלאָגישן איבערברוך פון יענעם ייִדישן עמיגראַנט, וואָס, זיך אָפּרייסנדיק פון זיין אַלטער היים, פון זיין טראַדיציאָנעל ־ איינגעפונדעוועטן לעבנס ־ שטייגער, האָט ער דאָך אין זיין נייער היים, אין אַמעריקע, קיין פאַרבייטנדיקן לעבנס־אינהאַלט און לעבנס־סטיל נישט געפונען.

אין לייוויקס גרויס ליד „אַ בריוו פון אַמעריקע צו אַ ווייטן פריינט", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ ליד ־ סך ־ הכל, אַ חשבון ־ אונטערצי פון דיכטערס טיפסטן זעלישן קאָנפליקט מיט דער „גאָלדענער מדינה", — געפינען מיר אַ מין ליריש אוווערטיורע צום גאַנצן ציקל דראַמעס, ווי „אָרעמע מלוכה", „שאָפּ", „באַנקראָט", וואָס שטעלן מיט זיך פאָר מוסטערהאַפטע שפּיגלען, ווי וווינט דער ייִדישער מענטש איז אינם „גאָלדענעם לאַנד" דערדריקט און דערשלאָגן געוואָרן. די רייד איז דאָ, פאַרשטענדלעך, נישט וועגן די, וואָס פּראַוון די „ביזנעס" ־ עבודה, וואָס האָבן זיך אַסימילירט,

אויסגעוואָרצלט, פֿאַרלייקנט, אַ שפּיי טוענדיק אויף אַלע דורותדיקע אייגנטימלעכקייטן וואָס בילדן די נשמה און דעם כאַראַקטער פֿון יידישן מענטשן, נאָר וועגן יידישן פּאָלקסמענטש און יידישן אינטעליגענט, וואָס טראָגט אין זיך אַחריות און קען נישט זיך אונטערוואַרפֿן דעם אַליין־פֿאַרלייקענונג־פּראָצעס. געפֿינענדיק תמיד אין לייוויקס לידער לעבעדיקע שפּורן, וואָס פֿירן צו אַלע זיינע דראַמעס, געפֿינען מיר אויך סיי אין אַזאַ ליד ווי „דאָס טורעמדיקע לעבן”, סיי אין ליד „ווי־פּור־וויל”, סיי אין אַנדערע לידער און גאַנץ באַזונדערש אין דערמאָנטן „בריוו” קלאָרע אָנ־דייטן צו די דראַמעס, וואָס בילדן דעם אַמעריקאַנער ציקל. דאָס ווייזט אונדז, אַז אין די אַלע געשטאַלטן וואָס גייען פֿאַרביי אונדזערע חושים, ווי אין די אַלע ראַנגלענישן וואָס פֿולן זיי אויס האָט דער דיכטער אַריינגעקנאָטן שטיקער פֿון זיין אייגענער לעבנסדערפֿאַרונג; אַז דאָס איז נישט בלויז שטאָף פֿאַרן פֿעדער, נאָר אַווטאָביאָגראַפֿישע פֿאַרוואַנדלונ־גען, וואָס פֿאַנגען אונדז דורכדעם מיט אַ דאָפּלטן כוח, סיי מיט זייער קינסטלערישער שלמות סיי מיטן אוממיטלבאַרן לעבנס־אָטעם, מיטן אָרגאַניש־אַריינגעוועבטן ווייטאָק, וואָס אין זיי.

און דער שטעמפּל פֿון די אַלע געשטאַלטן לייוויקס איז גערוּנגל, וואָס גייט אַריבער אין קאַמף. מלך, דער „קעניג פֿון די קבצנים”, וואָס פֿאָרט אַרום אויף זיין שקר־וועגל — זיך פֿאַרשטעלנדיק אַלס קריפּל — איז ניט קיין שווינד־לער און אָפּנאַרער. ער איז אַ באַוואוסטזינקער שונא פֿון זיין סביבה, וואָס האָט אים פֿאַרשקלאַפֿט און צוגעשמידט צו זיין שקר־וועגל. אין זיין טיפֿערן, אינערן וועזן איז ער פֿול מיט דראַנג נאָך שיינקייט. ער, דער אײַנגעוויקלטער אין שמאַטעס חלומט וועגן... זייד. ער, דער שמוציקער און פֿאַר־אומרייניקטער — טראָגט אין זיך דאָס בילד פֿון יעטעין, פֿון דער שיינער פֿרוי. ער איז נישט דער „אומבאַוואוסטזי־

ניקער" בעטלער, דער בעטלער לשם בעטלען, ער פאַר־וואַנדלט זיין בעטלען אין אַ געווער קעגן דער וועלט, קעגן דער סביבה, קעגן זיין אייגענעם גורל. ער איז פול מיט פאַר־ביטערטקייט, מיט געקריוודעטקייט, וואָס שטעלט אים אין אָפענעם קאָנפליקט מיט זיין זון חיים, וואָס קען דעם טאַטעס „שקר" נישט זען און חלומט וועגן אַ בעטלער־גאַנג דורך דער וועלט בבחינת ל"ו... אָט־דאָס באַוואוסטזיין פון גע־קריוודעטקייט, פון פאַרביטערטקייט, פון קאָנפליקט, שענקט מלכן כאַראַקטער, ווייזט אים ניט בלויז אין זיין אויסערער, נאָר אויך אין זיין אינערער ליכט, דערבּרענגט צו דעם, אַז ווען זיין פאַרשטאַרבענער פרויס גרויזאַמע קללה, אַז ער זאָל טאַקע פון זיין שקר־וועגל נישט אַראָפּגיין, ווערט פּלוצים מקויים—וואַקסט ער אויס צו אַ טראַגישע געשטאַלט, וואָס האָט זיך געראַנגלט, געקעמפט מיט אַלע מיטלען און — גע־פאַלן. קאַמף קעגן סביבה ווערט דאָ דורך עפּעס אַ ניט־באַ־גרייפלעכן געבאָט ארויפגעשאָסן צו — קאַמף קעגן גורל. די „אָרעמע מלוכה" איז שוין ניט בלויז די מלוכה פון בינטל בעטלער, וואָס דרייען זיך אין איר ארום ווי אין אַ פאַר־כשופטן קרייז, נאָר די גאַנצע סביבה פון מענטשלעכער אָרעמקייט, וואָס ראַנגלט זיך פאַרביסן, קעמפט, ווערט זיך און — פאַלט.

אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו דער אַמעריקאַנער סביבה, אַ געשטאַלט איבערפול מיט געראַנגל, איז מרדכי מאַזע, דער הויפּט־העלד פון דער דראַמע „שמאַטעס". אַן אַרי־בערגעקומענער פון דער אַלטער היים, אַרבעט ער אין נייעם לאַנד אין שאָפּ, ביי שמאַטעס, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן־עמיגראַנטן. די איבעריקע יידן, אויב אַפילו באַוועגטע אין אַ געוויסן מאָמענט צו אַ שטרייק, האָבן דאָך אָבער אין תוך שלום געמאַכט מיט זייער גורל. ווי ביימער אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען פון זייער פריערדיקן לעבן — הענ־גען זיי אַזוי אין דער לופטן: „זיי אַרבעטן און זיינען דאָך

ניט קיין ארבעטער. ס'איז ניט אין זיי דער שטעל, ניט דאָס באַוווסטזיין און ניט די זיכערקייט פון אַן ארבעטער. איינער נאָר צווישן זיי, מאַזע, מיט זיין „שאַרפן, ענערגישן פּנים, מיט יענער פאַרשלאָסענער פאַרגליווערטקייט, וואָס מען באַגעגנט אָפּט אויף די פּנימער פון עלטערע יידן אין ניו־יאָרק", ער אַליין נאָר איז פול מיט באַוואוסטזיין פון זיין איצטיקן לעבן. און קוים האָט ער אָט ־ דעם באַוואוסטזיין אריינגענומען אין זיך, דאַן קומט אויף אין אים אזא פאַר־שטומטער רעוואָלט, וואָס ער טראָגט־מיט מיט זיך ווי זיין שאָטן. ער זעט אין דער ווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אים ארום, די בולטסטע פאַרלייקענונג פון זיין אייגענער פערזענ־לעכקייט. ער זעט ווי די קינדער גייען אַוועק פון אים, „האַקן אָפּ זיין לעבן אינגאַנצן" און אויך די יידן אין שאָפּ פאַר־שטייען אים ניט, ניט זיין איינזאַמקייט, ניט זיין פּרווו אָפּ־צוהאַלטן זיי פון שטרייק, ווייל ער קען ניט צוזען די לעבער־לעכקייט פון „שמאַטעס", וואָס נעמען זיך בונטעווען. עס ציען פאַרביי בילדער, וואָס גיבן איבער די צעריסנקייט פון דור צו דור, וואָס גייט אָן אין די טיפע געדיכטענישן פון יידן מאַסן ־ לעבן אין ניו־יאָרק, און אין צענטער—די עקשנותדיקע, מאָנענדיקע און טראַגישע פיגור פון מרדכי מאַזע, וואָס וואַנדערט ארום ווי אַ וואָלקן אין קרייז פון זיין אייגענעם לעבן...

נאָך בולטער קומט צום פאַרשיין אָט דער ריס פון מענטש און סביבה, אין די געשטאַלטן פון וואולף („שאָפּ") און אורי („באַנקראָט").ביידע — געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, געקומענע פון סיביר אַהער, אין דער „גאָלדענער מדינה", טראָגן זיי מיט זיך די סיביר ־ וויזיע, די וויזיע פון אַ גרוים, בונטאַריש לעבן, וואָס קען זיך בשום אופן ניט אריינראַמען אין דער וואָכעדיקער, מאַטעריעלער ראַם פון ניו־יאָרקישן לעבן. דער ערשטער, וואולף, פּרווט אראָפּוואַרפן פון זיך די סיבירישע לאַסט, גייט אַריין אין „ביזנעס", ווערט פאַר־

וואנדלט פון א רעוואָלוציאָנער אין א „באָס", אין אַן עקס־פּלואַטירער. אָבער אַט קומט אָן אין זיין שאַפּ מינע, זיין געוועזענע מיטקעמפּפערין, מיט וועלכע ס'בינדן אים סיי רע־וואָלוציאָנעריש ־ חברישע, סיי ראָמאַנטישע פעדים, זי קומט ווי אַ לעבעדיקע מאָנונג פון זיין פאַרגאַנגענהייט כלפּי זיין ווירקלעכקייט — און וואולף הייבט זיך אָן דרייען „אין בראָך פון אַ קראַנקן געוויסן" (לויט לייוויקס אַ כאַראַקטע־ריסטישן אָנדייט אין ליד „ווי־פּור־וויל"). ס'הייבט זיך אָן אַ געראַנגל, אַ פּילפּאַכיקער, אַ שווערער: פון איין זייט, ער, וואולף, מיט זיין „סיבירישן געוויסן", אַנטקעגן אים: סיי גולד, זיין שותף, סיי מינע, די קלאַסן ־ באַוואוסטזיניקע, שטאָלפּעסטע פרוי; סיי ראַיע, דער קרבן פון „שאַפּ", וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד, און סיי דער אַלטער לייזער וואָס גייט אום מיטן געפיל, אַז ער וועט שוין שטאַרבן אין שאַפּ, צווישן די מאַשינעס... וואולף ווערט אַריינגעיאָגט אין אַ טעמפּן ווינקל, נישט אַרויסצוקריגן זיך — סיידן ער זאָל גיין שטרייקן „קעגן זיך אַליין", ווי די אַרבעטערין גוידי עצה'ט אים, ווען עס ברעכט אויס דער שטרייק אין שאַפּ. אָבער אַפילו ווען וואולף נעמט זיך אָן מיט מוט און — שטרייקט קעגן זיך אַליין: איז מודיע וועגן זיין צוריק ־ ציען זיך פון „ביזנעס" — קערט זיך אַלץ אָפּ מינע—די לעבעדיקע פאַר־קערפּערונג פון זיין געוויסן — פון אים, און ער בלייבט— אַן אַרויסגעוואָרצלטער פוןביידע וועלטן...

דעם זעלבן גורל טיילט אויך אורי אין „באַנקראָט". אין אים לעבט נאָך דאָס פאַרגאַנגענע סיבירישע לעבן שטאַרקער און בלוטפולער. די וויזיע פון סיביר פולט אים אויס אויף אַלע ברעגן, גייט אים נאָך און היט אים זיינע טריט. (אַ גוואַלדיקן איינדרוק לאָזט איבער די שטעל, ווי אַזוי אורי מאָלט זיין חבר לוריאַ „די סיבירער נעכט, ווי מיר פלעגן זיצן ביידע ביים פייער פון אייוועלע, און הערן ווי דער צפון ־ ווינט בייסט מיט די ציין דעם דאַך פון אונ־

דזער שטיבל — — הער זיך צו, וועסטו הערן. דאָ פעלט דאָס אייוועלע. נו, וואָס? זיצן מיר אָן אַן אייוועלע... אָבער אין די שויבן און איבערן דאַך ברומט יענער ווייסער, ווייסער ווינט — הערסט ווי ער רייסט? הערסט ווי ער מאַכט „הו - הו - הו - הו - הו" — אַ־סצענע וואָס זאָגט אָן — שטורעם, צוזאַמענברוך). פונקט ווי אַנטקעגן וואולפן קומט מינע, קומט אויך אַנטקעגן אורין — סאָפי, אַ מיידל וואָס טראָגט אין זיך דאָס טייערע בילד פון אַמאָליקן אורי, פון סיבירישן אורי. אויך זי לויפט אַרויף „אויף אַ וועג פון אַ מענטשן, וואָס וויל גאָרניט, אַז עמיצער זאָל אים קומען אַנטקעגן", אויך זי פאַרשאַרפט דעם געראַנגל פון אורי מיט מיסטער דאָן (אורים „אַמעריקאַנער" נאָמען) אפילו דאַן ווען ער פאַריאָגט איר פון זיך. אויך אורי קעמפט ביטער, פאַרצווייפלט, ביז וואַנען ער „דערפילט ניו־יאָרק אויף זיך, גאַנץ ניו־יאָרק אויף מיינע אַקסלען" און — גיט זיך אונ־טער. ווי אַ טראַגישער סך - הכל פון זיין געראַנגל ווירקט „דער אומבאַוואוסטער משפט", וואָס מענטשן האָבן אויף אים אַרויסגעטראָגן, דעם מאָמענט, ווי אַזוי אורי קוקט צו „זיין אייגענע לוויה", דעם צוזאַמענגעלאָפענעם געזעמל פון מענטשן, וואָס איז געקומען אים זען אַ געהאַנגענעם, מחמת זיין פרוי, די צאַרט - פאַרליטענע ריי, האָט אַזאַ חשש צוליב אורים ניט קומען אין צייט אַהיים, אַרויסגעזאָגט...

אויף דער ליניע פון „אַמעריקאַנער ציקל" פון ה. לייוויקס דראַמעס ליגט אויך די דראַמע „דער פאָעט איז געוואָרן בלינד", אַ דראַמע „געווידמעט דעם אָנדענק פון מאָריס ראָזנפעלד, וועגן וועמען ס'איז אַמאָל אומגעגאַנגען אַ לע־גענדע, אַז ער האָט זיך אין אַ געווסן מאָמענט פאַרשטעלט פאַר אַ בלינדן. עס דאַרף אָבער בשום אופן נישט פאַר־שטאַנען ווערן, אַז עס איז דורכאויס אַ ראָזנפעלד - דראַמע אין ביאָגראַפישן זין". אויך די געשטאַלט פון מאַקסים דאָרנפעלד טראָגט אין זיך דאָס פּראָבלעם פון מענטש אין

צונויפשטוים מיט סביבה, ווי אין זיין אינערלעכער צעריסנ־
קייט. ווי דעם אלטן יידן מאזע קומט אויך אוים דעם דיכטער
דארנפעלד צו קעמפן סיי מיט דער אמעריקאנער סביבה, סיי
מיט זיין אייגענעם זון, באב: „ביסט נאך ניט אויסגעוואקסן
— זאגט דער דיכטער צו זיין זון — און שוין שטייסטו צו
צו די, וואס רייסן פון אונטער מיינע פיס דאס שטיקל
פונדאמענט וואס איך האב אויפגעבויט דא אין אמעריקע.
שטיין נאך שטיין האב איך געשלעפט. מיט אייגענע הענט
געשלעפט. קומסטו און ווילסט זיי שוין פונאנדערשלעפן?
לאזן מיך ווידער הענגען אין דער לופטן? לאזן מיר ווידער
אליין? כ'בין געקומען אן עמיגראנט, איך האב געארבעט, גע־
שלעפט א ניי־מאשינקע אויף די פלייצעס, געוואלגערט
זיך אין עלנד און געשריבן לידער וועגן שאפ, וועגן ארבעט,
צום קאמף גערופן, צו א ניי לעבן גערופן. — געפעלט עס
דיר שוין נישט? ווילסט גיין איבער אמעריקע? אמעריקע
זוכסטו?” איז עס, דוכט זיך, דער אלט־באקאנטער קאמף
פון „טאטעם און קינדער”, דער אלט־באקאנטער ריס פון
דורות. אבער אין פאל דארנפעלד־באב איז דער ריס בא־
זונדערש־שארף, באזונדערש־ווייטאקדיק, ווי ס'ווערט
קלאר פון ווידוי'שן אני־מאמין פון דארנפעלד צו באבן
אין דריטן אקט: „פארשטייסט, באב, דור מיט דור קעמפט
— אבער איך קעמף דאך ניט מיט דיר, פארשטייסט? מיין
טאטע, דער פרומער, דער ארטאדאקס, האט מלחמה געהאלטן
מיט מיר, אבער איך, נישט נאר וואס איך האלט נישט
מלחמה מיט דיר, נאר איך גיי דאך דיר אנטקעגן. איך
שטרעק דאך מיינע הענט צו דיר. איך טרייסל דאך
אפ דעם שטויב פאר דיר, און דו—אנטלויפסט, אנטלויפסט”.
און אזוי לעבט דער דיכטער מאקסים דארנפעלד, דער דיכ־
טער פון א „ממזר־דור”, ווי לייוויק באצייכנט דעם דור
אין וועלכן ראזנפעלד האט געשאפן: אין עלנד, אין נויט,
אין אונטערשאצונג און פאראכטונג פון דער סביבה, אין

צעריסנקייט און פארפרעמדטקייט מיט זיינע בלוט ־ פאר־וואנדטע — ביז ס'טרעפט דער אויסטערלישער צופאל: ער ווערט בלינד. און דא ווערט אלץ מיטאנאנדער איבערגע־קערט — ער ווערט פלוצים אוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער וועלט'ס אויפמערקזאמקייט, ס'ווערט אפילו א רייסעריי איבער זיין מיטארבעטערשאפט צווישן דריי רעדאקטארן, וואס האבן מיט דעם זעענדיקן דיכטער זיך געווארפן און איצט נאך דעם בלינדן דיכטער, נאך דער „בלינדער סחורה" יאגן זיי זיך... כלערליי רעפארטערן, די „גאסיקע שונדער" פון דער געלער פרעסע, פאדען ארום אים, אפילו דער צינישער אסימילאטאר, דער פילאנטראפ זיף קומט צום בלינדן דיכטער, וואס טראגט אין זיך, לויט זיינע רייד, „א בלינדן גורל פון א בלינדער שפראך", אין דער היים. אפילו זיין זון זוכט זיך אפ, אויך דארנפעלדס געליבטע העלען (א סימבאלישע געשטאלט) זוכט זיך אפ, און אפילו דער גרויסער יובילייר ־ אוונט ווערט אים א דאנק דעם פאל גע־פייערט... אבער ערשט איצט, ווען אין גרויסן האל קלייבן זיך די טויזנטער מענטשן צו פראוועו דעם דיכטערס יובילייר און ער אליין זיצט א בלינדער אין שטוב, שפארט ארויס די צעשניטנקייט און טראגישקייט פון זיין גורל, ערשט איצט הייבן זיך אן צו וועקן אין אים אלע זיינע ספקות און סתי־רות, סיי די, וואס זיינען געבונדן מיט סביבה, סיי די, וואס זיינען געבונדן מיט זיך, שטראמען ארויס פון דער אייגע־נער צעשפאלטנקייט, פון טראגישן ליכט־און־שאטן־שפיל, שפיל פון גלויבן און יאוש, וואס גייט אן אויף דער ארענע פון זיין הארץ.

ה. לייוויק ווייזט אונדז אבער ניט בלויז דארנפעלדן דעם צווייפלער, דעם יאוש ־ געבונדענעם. מאקסים דארנפעלד — דאס איז נישט בלויז מארים ראזנפעלד. ס'איז ראזנפעלד פליום די ווייטערדיקע דורות יידישע ווארט ־ שעפער אין אמעריקע, וואס ראנגלען זיך אויך מיט סביבה, יאוש, נויט,

וואס טראגן אבער אויך מיט זיך דעם פולן באוואוסטזיין פון זייער גרויסער שליחות, פון נצחון וואס זייער געראנגל מוז זיי ברענגען. מיט וואס פאר א שטראלנדיקן, פאטאספולן אמת ס׳קלינגען די ווערטער אין מויל פון דארנפעלדן, ווערטער געווענדט צו זיין זון, צום גאנצן יידישן לעבן: ,,אז דער פאדים איז גאנץ און ציט זיך ווייטער, האט א זינען דעמאלסט דער סכסוך פון דורות, האט א זינען דעמאלסט אונדזער שותפות אין דעם קאמף וואס ס׳פירן די אונטערדריקטע פון אלע פעלקער פאר א נייער וועלט. מיר טראגן צו דעמאלסט א זייער וויכטיקן חלק. מיר ברענג׳ן א פייערדיקע ליידנשאפט נאך גאולה. א היסטארישע ליידנשאפט, א געלייטערטע אין פיין און יסורים״. דאס איז די וועלטאנשויאונג פון א באוואוסטזיניקן יידישן דיכטער, וואס שפירט די ארגאנישע צונויפגעוואקסנקייט פון זיין ווארט מיט אלע דורות, די צונויפגעוואקסנקייט, וואס נישט נאר וואס זי איז ביכולת צו באוועלטיקן די אלע ריסן און סכסוכים אין לעבן, נאר זי גיט זיי א בארעכטיקונג, א זין. ניט צופעליק שענקט ה. לייוויק דארנפעלדן א הוספה־יורש צו זיין זון באב — זיין גייסטיקן יורש, דעם יונגן דיכטער לעוו: ,,איר זייט פאר מיר — זאגט דארנפעלד צו לעוון — מער ווי א זון, זאג איך אייך. מער . א סך מאל ווען א מידקייט באפאלט מיך, דוכט זיך מיר אויס — אז ענדע. קיינער ירשנט ניט. נישט דאס אלטע יידישע ווארט און נישט דאס נייע. נישט אונדזערע קאמפן און נישט אונדזערע חלומות. — און אט פלוצלונג קומט איר אריין צו מיר אין שטוב, אן אומבאקאנטער, א צעטומלטער, און איר ווערט מיר אזא אייגענער!״ אין די שורות קוואלט ארויס אן אינערער אפטימיזם, א בטחון - געפיל, וואס ווארפט א שטראם פון ליכט אויפן טונקעלן לעבנסוועג פון די אלע געשטאלטן, וואס פולן אויס די דראמעס פון דער יידישערווירקלעכקייט אין אמעריקע.

די צעריסנקייט פון דער מענטשלעכער נשמה אין סביבה־געראנגל, אין כוחות - פארמעסט מיט זיך גופא, באקומט א לעבעדיקע אחיזה, א המשך, א נייעם יסוד, דאס איז דער „נייער יסוד" וואס ה. לייוויק דערמאנט אין ליד „אייביק", וואס שליסט־אפ ווי א פרייד־אקארד די דראמע „דער פאעט איז געווארן בלינד"; דער יסוד פאר א ניי לעבן, וואס גייט פון אפפלוס צו צופלוס, ווי דער ים.

ט. מענטש - עבודה.

דערגראבן מיר זיך צו ה. לייוויקס ארט תופס - זיין און פורעמען „די דראמע פון דער מענטשלעכער נשמה", דער־זעען מיר, אז ביי ה. לייוויקן אז עס אן ארגאנישע אויס־שטראלונג פון זיין טיף - פערזענלעכע, אינערלעכע פארהיי־ליקונג פון באגריף „מענטש", א פארהייליקונג וואס וואקסט אויס צו רעליגיעזן עקסטאז, צו — „מענטש - עבודה". פאר־ראפראזירנדיק מאקסים גארקים „מענטש—קלינגט שטאלץ", לאזט זיך זאגן בנוגע לייוויקן: „מענטש — קלינגט היי־ליק!". אין ה. לייוויקס טיפן ציטער און נשמהדיקער הכנעה פאר דער הייליקייט און אומבארירלעכקייט פון דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט, געפינען מיר טאקע הן דאס אור־יידישע אויפציטערן פארן געבאט „כי הדם הוא הנפש", וואס גייט דורך ווי א פורפור־שנור דורך דער דורותדיקער יידישער ווארט - שאפונג, און הן דאס פאלן קורעים פארן אלטאר „מענטש", וואס מיר געפינען אין די ווערק פון די גרויסע רוסישע קלאסיקער. נאר פון אזעלכע קוואלן — די קוואלן פון ה. לייוויקס עטישן און קינסטלערישן וועלט־בילד — האט זיך געלאזט ארויסשעפן אט־דער מערקווירדי־קער גלויבן, די ממש אומברחמנותדיקע און פארצערנדיקע ליבשאפט צום מענטשן, וואס שטראמט אין לייוויקס שאפן. לייוויקס „מענטש - עבודה" האט זיך ביים דיכטער ניט

אראָפּגעלאָזן פּלוצים, פאַראייגמאַל — אין פאָרם פון זיינע לעצטע ווערק. זי איז ביים דיכטער אַ דורכגעאַרבעטע, אַ דעראָבערטע, אַ געבוירענע אין ווייען, אַ געשטעמפּלטע מיט אַלע מזלות - צייכנס, וואָס איעדע לעבעדיקע באַשעפעניש צי מענטש, צי פלאַנץ, טראָגט אויף זיך. שוין אין איינע פון דיכטערס ערשטע שאַפונגען, אין דער פּאָעמע „ער״, שטעלט דער דיכטער אַוועק אַ גרויסן פרעג - צייכן איבער דער הייליקייט פון דער „הייליקער מוטער״ — צי איז זי טאַקע הייליק דורכדעם, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מענטשלעכן מענטש - געבורט, פאַרהילנדיק זיך אין שלייער פון „הימלשער מוטערשאַפט״...

שוין אין אָט - דער שאַפונג האָט לייוויק אויף אַ גרויס־געוואגטן קינסטלערישן אופן אַוועקגעשטעלט די „ניין חדשים שווערן טראָגן״, די „ווייען און יסורים ביים גע־בוירן״ — די כּעלערליי עולן פון לייד, וואָס דער פאַרשעמ־טער פון יסורים מענטשלעכער גוף טראָגט אויס אויף זיך — קעגן דער קאַלטער ביז אכזריות, הימלשער „מוטערשאַפט״, וואָס איז אין תוך אַ פאַרלייקענונג פון אמתן באַגריף „מו־טערשאַפט״, אַ באַגריף וואָס טראָגט אין לייוויקס אַספּעקט די העכסטע פאָרם פון קדושה. „ער״ אַליין, דער זון פון אָט דער „הימלישער מוטערשאַפט״ רעוואָלטירט קעגן פאַר־קריפלען אָט־דעם העכסטן מענטשלעכן געבאָט אַזוי שאַרף, אַזש ביזן געדאַנק פון מוטער - מאָרד... אָט־צו וואָס פאַרא תהומות די „הייליקע מוטער״ שטויסט איר אייגן קינד... אַזוי אַרום זעען מיר, אַז שוין אין דער ערשטער תקופה פון ה. לייוויקס שאַפן הייבט זיך ביים דיכטער אָן אויסצואַר־בעטן אָט - יענער רעליגיעזער ציטער פאַרן מענטשלעכן גוף, וואָס מיר געפינען — אַזאַ אויסגעגאָסענעם, אַזאַ אמתדיקן — אין פורעם פון זיינע לעצטע ווערק. „גוף״ איז פאַרן דיכטער געוואָרן דער טויער צו דער „מענטש־לעכער דהאַמע״, צום גאַנצן אינערן מהות „מענטש״. נאָכ־

מער. „גוף" אַליין איז מענטשלעכער דראַמע — ווען ער ווערט געבראָכן פון דער האַנט פון ווייטאָק, ווען ער ווערט געשטעמפּלט מיט יסורים.

דאָס זעען מיר בולט אין אַזאַ ווערק ווי „לידער פון גן־עדן", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איין גרויסע, אויפגע־ציטערטע, רעליגיעזע תפילה, אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן, צום מענטשלעכן גוף, דעם געצייכנטן פון ליידן. נישט קיין איבערברוך באַדייט דאָס־דאָזיקע ווערק אין לייוויקס שאַפן; נישט קיין אַוועקגאַנג פון אידעאַל ־ משיחישע צו פּראָסט־מענטשלעכע ליידן, נאָר אַ ריינער המשך, אַן אַרויסשטראָם פון לייוויקס פריערדיקן שאַפן, וואָס איז אי המשך, אי סך־הכל:

עפן זיך, טויער,
נענטער זיך, שוועל, —
איך קום צו דיר ווידער,
צימערל ־ צעל.

— — — — — — — — — — — —

זע, ס׳איז שוין אָפן
טויער און טיר; —
שפּיטאָל? אפשר תפיסה?
צי גאָר מאָנאַסטיר?

דאָס זיינען צוויי אַרויסגעכאַפּטע פערזן פונם ליד, וואָס עפנט די „לידער פון גן ־ עדן". און שוין אין אָט ־ די תּפילהדיק ־ אָפּגעהאַקטע, קורצע ביז שטאַמל, שורות, איז צו געפינען דעם גאַנצן מהלך, וואָס לייוויק איז אָפּגעגאַנגען פון די שנייען פון סיביר ביז די שנייען פון קאָלאָראַדאָ. „זע, ס׳איז שוין אָפן טויער און טיר — זאָגט דער דיכטער— אָבער: וואו פירן זיי אים אַריין, דער אָפענער טויער, די אָפענע טיר — אין אַ שפּיטאָל? אין אַ תפיסה? צי גאָר אין אַ מאָנאַסטיר? אָבער, אין דער אמתן, צי זיינען דען שפּי־

טאָל, תפיסה, מאַנאַסטיר, גרונטפאַרשיידענע באַגריפן? צי זיינען זיי דען ניט דריי באַצייכענונגען פון איין באַגריף — פון באַגריף ליד, פון באַגריף „גוף" אין זיין געבראָכנ־קייט, אין זיין דערהויבונג צו „מענטשלעכער דראַמע", צו — מענטש־עבודה? צי האָט דעם דיכטערס גורל אַליין אים נישט געעפנט אַ טיר צו אַ נייעם אַלטאַר פאַר זיין מענטש־תפילה, פאַר זיין לירישן נשמה־אויסגוס, פאַר יענעם „זאַק מיט געשריי", וואָס דער דיכטער האָט, אַ גע־בויגענער, געבראַכט צו שלעפּן פון פריערדיקע אַלטאַרן, וואָס זיינען צעשטעלט ווי איינזאַמע אכסניות, אויף זיין פריערדיקן, שווין אָפּגעגאַנגענעם לעבנסוועג?

מיר זויגן זיך אריין אין אָט־דער ווינטער־נאַכטיקער שטילקייט, אין וועלכער דאָס בוך איז איינגעוויקלט, די שטילקייט פון אַ וואַלד אונטער שניי, און מיר פאַרנעמען די מאָדנע תפילות, די שטיל־שטילע הילף־רופן פונם שניט פון „מאין יבא עזרי", וואָס גרייכן צו אונדז פונם האַרץ פון דער שטילקייט. יאָ. אויך הילף־רופן, אויך אפילו גוואַלד־געשרייען, פאַרשטיקטע, אויפגעלייזטע, כאַפּן מיר אויף. אָבער דער גרונט־טאָן פון ווערק בלייבט אַן אויסגעלייטערטער, אַן אויפגעזונגענער, אַן ארויסגעשטראַל־טער פון אַ ליידנדיק געמיט, ווי דאָס רויטע שקיעה־ליכט אין מערב, ווען דער טאָג גייט אויס „בנשיקה", גיט זיך אוועק די בלויע שנייען פון דער אָנקומענדיקער נאַכט. די אָנקומענדיקע נאַכט — דער טויט — שפּרייט זיך ווי אַ בלויער געצעלט אין הינטערגרונט פון בוך, גלאַנצט שטיל, מיט אַן איינגעהאַלטענעם שימער, ווי אַ קופּאָל אין אָוונט־ליכט, איבערן בוך. און אַלץ און אַלע, דאָס גאַנצע מאין יבא עזרי'דיקע לעבן, וואָס צייכנט זיך אין בוך, איז דורכגענג־מען פון אָט־דעם איינגעהאַלטענעם שימער, פון אָט־דעם בלוי־רויטן שיין, וואָס ווערט שטילער און שטילער, ביז ער גייט אויס...

דעם קרוג געהויבן, דאָס ברויט געבראָכן,
דער גומען גלוסט, עס קוועלט דער צאָן;
וואָס שווייגסטו, שכן? לחיים, שכן. —
די הייליקע סעודה גייט אָן, גייט אָן.

דער פּיזישער פּראָצעס פֿון עסן, פֿון זעטיקן וואָיענדיקע גלי־דער, ווערט אין אָנבליק פֿון שכנם טויט, אין שאָטן פֿון בלויען געצעלט פֿון דער אָנקומענדיקער נאַכט, פֿאַרוואַנדלט אין אַ הייליקער סעודה, און הויבן דעם קרוג, און ברעכן דאָס ברויט — אין עבודה... מענטשלעכער גוף ווערט איין אײַנגעהאַלטענע סימפֿאָניע פֿון — גרייטן ־ זיך, פֿון ערב־יום ־ טוב, פֿון אָפּוואַרטן עפּעס, צי אַן אורח, אַ לאַנג־גע־גאַרטן, צי אַזוי עפּעס אַ וווּנדערלעכע געשעעניש, וואָס דאַרף קומען און ארויספֿירן פֿון דאַנען, פֿון אָט דעם „צי־מערל ־ צעל”, פֿון די „בעטן, ווי טראָגנען אויף הויכע גע־שטעלן”, אַוועקפֿירן ערגעץ, וואו? — אין גן־עדן אַרײַן... דאָס באַצייכענען די לידער: „לידער פֿון גן ־ עדן” ווערט מיטאַמאָל קלאָר, פֿאַרשטענדלעך, אַסאָציאירט צו דער זעל־טענער שטעל אין לעאָניד אַנדרייעווס „זיבן געהאַנגענע”:... „און געדאַכט האָט זיך מינוטנווייז, אַז זיי פֿאָרן אויף עפּעס אַ יום־טוב; מאָדנע, נאָר כמעט אַלע, וואָס זײַנען געפֿאָרן צו דער הינריכטונג, האָבן געשפּירט דאָס זעלבע און צו־זאַמען מיט ווײַמוט און פּחד, זיך געפֿרייט מיט דעם אויסערגעוויינלעכן, וואָס וועט באַלד פֿאָרקומען”... אָט־די „אויסערגעוויינלעכקייט” וואָס דאַרף פֿאָרקומען אין דער סאַנאַטאָריע, וואו אַלע גרייטן זיך מיט שטילן ציטער צו זייער הינריכטונג, וויקלט אײַן די וועלט וואָס שפּיגלט זיך אין סאַנאַטאָריום אָפּ, ווי די ווייס־באַשנייטע ראַקי ־ בערג וואָס קוקן אין אָט ־ דער וועלט אַרײַן, אין אַן אויסטער־ליש ־ צאַרטער, זײַדענער הויט פֿון גן ־ עדן ־ ליכט, פֿון יענוועלטיקייט. די וועלט ווערט דורכזיכטיק, לויטער ווי שפּיגל ־ גלאָז און אין דער דורכזיכטיקייט ברענט אַ שטילע

זון מיט אן איינגעהאלטענעם שימער. ס'איז די זון פון יום־טוב, פון אויסדערוויילטקייט, וואָס קומט אָן... „מענטש" ווערט טייער, נאָנט, ווי א בלוט ־ אייגענער אין רגע פון צעשיידונג. ס'ווילט זיך צופאַלן צו אים, בעטן ביי אים מחילה פאַר ניט באַגאַנגענע זינד, באַוואונדערן אים, קושן אים מיט אויפגעציטערטע ליפּן און אַנטפּלעקן זיך פאַר אים ביז טרערן... פון לייד ווערט געבוירן ליבשאַפט. איז דען א וואונדער, אויב אין אָט ־ דער דורכגעשטראַלטער לייד־אַטמאָספער ווערן געבוירן די „לידער פון אבעלאַר צו העלאָ־איז", די וואונדערלעכע תפילות, וואָס זיינען דורכגענומען מיט אַזא רעליגיעזן ציטער, ווי גראָזן אין א שטורעם? איז דען אבעלאַרס ליבשאַפט צו העלואיז נישט קיין עבודה, עבודה וואָס גייט דורך דורכן גאַנצן לעבנסוועג אבעלאַרס?

און פון אבעלאַר צו העלואיז גייט די אָוונט ־ תפילה ווייטער, קלינגט אויף אין כלערליי פאַרשיידנאַרטיקע וואַריאַציעס פון לייד און ליבשאַפט, גליט ־ אויף אין דער וואונדערלעכער וויזיע פון „אינגל", פאַרגייט זיך אין עקסטאַז אין ליד „אָפענע הימלען", וואו מענטש־עקסטאַז גייט איבער אין גאָט ־ עקסטאַז, פאַרכליניענדיק זיך אין לוי באַרדיטשעווערס דו ־ דו ־ ליד, — און פאַראַנקערט זיך אין די שפּינאָזע ־ לידער. פאַר שפּינאָזען איז דאָך דער גאַנצער באַשאַף געוועזן א מין העלואיז ־ געשטאַלט... ווייל איז דען נישט אין שפּינאָזעס „אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט" צו דערקענען אָט יענעם מקבל ־ באהבה ־ זיין דעם סוד פון לייד, דעם סוד פון וועלט, וואָס דער אַמסטערדאַמער פילאָסאָף האָט אַרומגעמויערט מיט די פעסטונגען פון זיין געדאַנק? — אָבער שפּינאָזע גייט ווייטער:

איך גיס צוזאַמען מיין געזיכט
מיט סוד פון ווענט, מיט סוד פון מויער;
איך הער אַ קול: איך בין דאָס ליכט,
וואָס פליסט פון טויט אַריין אין דויער.

דאָ קלינגט שוין אויף דער זין פון ליד, דאָס באַוואוסטזיין פון אייביקן דויער, וואָס שפּינאָזע ברענגט מיט זיך „אהער, אין קראַנקן - קאַמער", און וואָס קומט ווי דער ווייטערער, פעסטערער אָנהאַלט פון ליד - געפיל. דאָס פאַרבּרידערן שפּינאָזען מיט אַבעלאַרן איז אַזוי אַרום אַ פאַרבּרידערן לײַדן מיט בטחון.

אָבער סיי אַבעלאַר, סיי שפּינאָזע — די געשטאַלטן, וואָס בינדן - צונויף אַלע ליד - שטראָמען אין בּוך, זיינען אָנזאָגערס, אַנטקעגנלויפערס, בשורה - ברענגערס — גראָד פון אָן אָנאָנים, פון אַ געוויסן נתן ניומאַן, וואָס וואַקסט אויס צום צענטראַל - בילד פון גאַנצן ווערק. „די באַלאַדע פון דענווער סאַנאַטאָריום" איז, אפשר, די אייגנאַרטיקסטע באַלאַדע אין דער גאָרער באַלאַדן - ליטעראַטור, אין דעם זין, וואָס דער גאַנצער באַלאַדישער שטאָף איז גענומען פון דער סאַמע - אומבאַלאַדישערווירקלעכקייט. און אין דעם ליגט איר גבורה. דער דיכטער פרעגט אַליין אין אָנ־הייב פון זיין ליד:

ווי קאָן מען אין לעגענדע הײַנט פאַרוועבן

אָן אומבאַקאַנטנס אייגעמס גלאַט אַ טויט?

אין פאַרלויף פון אָט־דער ליד - מעשה וועגן נתן ניומאַן וואָס איז געקומען אין דענווער צו זעכצן יאָר און אָפּגעלעגן גאַנצע פופצן יאָר אויף זיין בעט - עשאַפאָט, וואַרטנדיק אויף דער הינריכטונג, ווערט אויסגעוועבט די לעגענדע נתן ניומאַן, די לעגענדע וואָס שפּייזט מיט באַלאַדישער וויזיע דאָס גאַנצע ווערק... נאָר ה. לייוויקס ביז רעליגיעזן טראַנס אַרויפגעציטערטע מענטש - עבודה האָט געקענט דערמעג־לעכן צו פאַרוואַנדלען דעם אָפּשטאַרבּונג - פּראָצעס פון נתן ניומאַן אין אַ גוואַלדיקער, גראַנדיעזער סימפאָניע פון מענטשלעכער לייד, ליבשאַפט און טויט - באַוואוסטזיין.

נתן ניומאַנס פּופּצן יאָר בעט ־ עשאַפֿאַט ווערן מוראַדיק־ אויסגעצויגן, נעמען אַריין אין זיך די גאָרע וועלט, פֿון איר סאַמע בראשית ביזן סאַמע סוף פֿון די טעג. די אײ־ ביקע סודות פֿון געבורט, לעבן, ליבשאַפֿט, טויט, סודות וואָס זיינען איינגעראַמט אין כאַאָס פֿון ערב ־ זיין, אין נעפּל פֿון נאָכן ־ זיין, ווערן אָנגעהויפּט צופֿוסנס ניומאַנס געלעגער. די ריזיקע ראַקי ־ בערג ווערן קליין און נאָנט, קערן־זיך־צו צו די שפּיטאָל ־ שויבן — אַ פֿיבער צו טאָן מיט ניומאַנס פֿיבער ־ וויזיעס. די גאָרע גראַנדיעזע נאַטור פֿלאַמט ־ מיט אין רויטן שקיעה ־ פֿלאַקער מיט ניומאַנס אויסגייענדיקן גוף. ניומאַן וואַקסט אויס — ריזיקער ווי וועלכער ס׳איז „העלד״ פֿון אַ גרויזאַמער טראַגעדיע. ניו־ מאַן ווערט סימבאָל. אָבער דער נס פֿון לייוויקס פֿונאַנדער־ געזונגענער מענטש ־ עבודה באַשטייט אין דעם, וואָס דער סימבאָל ניומאַן ווערט אַרויפֿגעאַרבעט פֿון מענטש ניומאַן. דער סימבאָל איז דאָ אָן אָנגעזעטיקטער מיט פּשוט־מענטש־ לעכע ליידן, אָן אָנגעטרונקענער מיט פּשוט ־ מענטשלעכן פֿיבער, מיט גאָר דעם „רעאַלן״ לעבן, וואָס שאַפֿט אייגנט־ לעך דעם פּיעדעסטאַל פֿאַרן סימבאָל ־ מאָנומענט. און אָט אין דעם ליגט דער אומגעהייער ־ גרויסער נס פֿון דער באַ־ לאַדע, וואָס פֿאַרוואַנדלט זי אין איינע פֿון די לויטערסטע שאַפֿונגען פֿון מענטשלעכן וואָרט: אין דער דערהויבונג פֿון אָנאָנים צו העלד, צו לעגענדע, צו אָנקלאָג, צו געוויסן. ס׳איז וואָר אַרויפֿגעשטראַלט ביז וויזיע:

צופֿוסנס פֿון די ראָקי ־ בערג פֿון דענווער
האָט קיינער אַזאַ זעאונג ניט געזען. —

דאָס איז דאָס באַשייד־שליסל צום גרויסן רעטעניש „טויט״, וואָס ה. לייוויק וואַרפֿט, ווי אַ בלום, אויפֿן פֿרישן קבר פֿון דענווער ־ בית ־ עולם — דער קבר פֿון „אומבאַקאַנטן״, פֿון נתן ניומאַן — —

די „לידער פון גן ־ עדן" הגם זיי זיינען אין זייער מער־הייט אויסשטראַלונגען פון אַ וועלט, וואָס איז אַזוי שאַרף אָפּגעגרענעצט פון „ווירקלעכן" לעבן, אַ מין „צויבער ־ באַרג", אָן וועלכן די לעבנסכוואַליעס קלאַפּן ־ אָן ווי אָן פּעסטונג ־ ווענט, פאַרנעמען מיר דאָך אין זיי ניט בלויז די טראַגעדיע פון יחיד, וואָס איז אַריינגענומען דורך עפּעס אַ גורלדיקן פאַרזאָג אין קרייז פון יסורים, פון פּנים ־ אל ־ פּנימדיקן צונויפטרעף מיט טויט, נאָר אויך די קולות פון אונדזער צייט, פון דער גרויסער צעריסנקייט און ביטערן גערא‍נגל וואָס די מענטשהייט טראָגט דורך. ה. לייוויק, אַ צוגעשמידטער צום „בעט ־ טראָן", וואָס איז אויך „בעט ־ עשאַפאָט", פון דענווער, אַן אַריינגענומענער אין אַזאַ בלוטנדיקער שותפות צום גורל פון נתן ניומאַן, דעם דורך לײדן געקרוינטן קעניג פון פאַרצויבערטן, גן ־ עדנדיקן טויט ־ מלכות, איז אָבער גלייכצייטיק געקניפּט און געבונדן מיט דער רוישיקער, רויער, קעמפנדיקער וואָר, וואָס שפּרייט זיך העט ־ ווייט, איבער די גרענעצן פון דענווער, אויף די געמערק און אַרענעס פון אַלטעגלעכן לעבן. און דעריבער ווירקט אַזאַ ליד ווי „זיי גרייט, דניאל, צום קריג", מיט זיין דירעקטן אָנשלאַג אָן דער סאַמע ־ בלוטיקער אַקטואַליטעט פון אונדזער צייט, בשום ־ אופן ניט יוצא ־ דופנדיק אין אַט־דער אויסגעאײדלטער, דורכגעלייטערטער „גן ־ עדן" ־ אַט־מאָספער. דורך זיין אַריינגענומען ווערן אין אַט ־ דער וועלט וואָס „איז אין ווינטער פאַרקראָכן" האָט זיך דער דיכטער ניט צעשיידט מיטן צער און מיטן כאַאָס פון דער גאָרער וועלט. להיפּוך. ערשט אונטערן שותפות־צויבער פון נתן ניומאַנס טויט ־ זעאונג ווערט דעם דיכטערס געמיט ברייטער געעפנט פאַר דער רשעות און אומגלייכקייט, וואָס שטעמפּלט אונדזער צייט. ערשט אַ „הספד אויפן טויט פון אַ קראָליקל מיט רויטע אויגן", אַ ליד, וואו אומשולדיק פאַר־שניטן לעבן פאַרגייט זיך אין אַזאַ יאָמערלעכן געוואוי,

צווינגט דעם דיכטער זיך אָפּן און שאַרף אַרויסצוזאָגן װעגן דער פּלוטיקער אומגערעכטיקייט פון אונדזערע טעג. רופט דאָך דער דיכטער אויס אין זיין ליד „דאַרווין":

אָ, קום מיט דיינע האָריקע, מיט לאַפּעס - הענט,
אָ, פּאָטער, מיט דיין גבורהדיקן דזשאַנגל - גאַנג,
און נעם אַוועק מיך פון אַ וועלט פון טרעפּ און ווענט,
כ'וויל זיין צוריק דיין זון — אוראַנגוטאַנג.

קלינגען דען ניט אָפּ אין די שורות — די קולות פון אונדזער צייט, וואָס שטויסן דעם דיכטער, שוין אין איינזאַמקייט פון ליידן אָן אָפּגעשיידטער, צו ציען פון זיין האַרץ אַזאַ „געיאָמער - בענקשאַפט" נאָך זיין דזשונגל - לאַנד, נאָכן גרויסן „ערב" פון אונדזער צייט, נאָכן פּרעהיסטאָרישן, פאַרחיהטן לויט זיין אויסזען, אָבער יונגן, קינדישן און תמימותדיקן לויט זיין נשמה, מענטשן?

אין אַ צווייט ליד ווערט אָט - דאָס געפיל פון וועלן אַוועקגיין פון אונדזער תקופה, נאָך מער צום אויסדרוק געבראַכט. אין ליד רופט דער דיכטער זיך צו באַהאַלטן „אין גריבער פון ערד, אין שטיינערנע שפּאַלטן", און טאָמער וועט עמיץ קומען „גאַפּן און ניט באַגרייפן פאַרוואָס מיר האָבן געמוזט אין הייל אַנטלויפן", וועט אַן ענטפער זיין: „שטומער גרויל און ווייסער שוים אויף זיין אייגענעם מויל", און דער סוף וועט זיין, אַז —

זיין געלאַף אַלץ גרעסער — וואָס גרעסער די מוראים,—
ער וועט לויפן אַזוי ביז סוף פון דורות, —
אַ האַרטער נאַקן — און גאָרנישט מער.
און מיר וועלן ליגן, ווי ביזאַהער,

אין דעם פאַרקריכן אין „הייל - פּעריאָד" פון מענטשן און אויסשטעלן אַ „האַרטן נאַקן" דעם צייט - כאָאָס אַרום אונדז, איז בשום אופן ניט אָנצודייטן קיין נירוואַנאַ - שטימונגען, קיין פּאַסיוון אַוועקקערן - זיך פון צייט - געראַנגל.

דאָס געפיל פון נירוואַנאַ איז לייוויקן, מיט דער גאָרער אריינגעהלומטקייט אין זיך, פון זיינע סיביר־ און גן ־ עדן ־ לידער, לחלוטין פרעמד. לויט זיין גאַנצן מהות איז לייוויק דער היפוך פון אַ נירוואַנאַ ־ דיכטער. עפּעס אַנדערש באַ ־ טייטן סיי לייוויקס געשריי נאָכן דזשונגל, סיי זיין „האַר־ טער נאָקן". ס'באַדייט: פּראָטעסט. עקשנות. אַרויסרוף. ס'באַדייט: דער פאַרביסנסטער ווידערווילן צו דער וועלט, וואו —

הבל ליגט אויפן פעלד דערמאָרדעט,
און קין זיצט איבער אַ טאָפּ און עסט.
ער שפּאַרט אין טאָפּ אַריין טיף זיין מאָרדע,
ווי אַ בער דעם שנוק אין אַ בינען־נעסט;

צו דער וועלט פון האַס, סכסוכדיקייט, מאָרד. אין דעם פּרט זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש די לידער „ערשטער מאי אין אַ צאַרישער תפיסה אין סיביר" און „ערשטער מאי — ניו־ יאָרק 1935" וואָס ווייזן בולט, אין קאָנטראַסט ־ שפּיגל, ווי דער ערשטער מאי האָט אויסגעזען אין סיבירער תפיסה, אונטער שלעסער, אונטער פּאַך פון קנוט און קלאַנג פון וואָפן, און וואָס פאַרא פּנים דער ערשטער מאי האָט אין 1935, אין ניו־יאָרק, וווּ די אַרבעטער ־ דעמאָנסטראַציעס זיינען אויך דעמאָנסטראַציעס פון פאַרביטערטקייט, צע ־ שפּאָלטנקייט, צעשיידקייט.

אין אָנבליק פון אַזעלכע פּירוד ־ דעמאָנסטראַציעס, דערזעט דער דיכטער „אין שאָטן ביי אַ קאַלטער וואַנט" — הירש לעקערטן, דעם „תליה ־ ריטער" און דער דיכטער דער־ הערט ווי „ס'טראָגט אַ יאָמער זיך פון זיינע אויסגעהוילטע באַקן": דאָס יאָמערט דאָס געוויסן פון ערשטן מאי קעגן דער צעשפּאָלטנקייט פון „זיינע יורשים", די אַלע —

וואָס ריידן — ריידן אַלע שיין און גלאַט,

אין נאָמען פון דיין פרילינגדיקער טאָט,
אין נאָמען פון דיין תליהדיקן מאַי,
און גייען — גייען זיי צעקריגטע דיר פאַרביי. —

דער דיכטער, וואָס זעט ליידן אין דער וועלט און טראָגט אויס אַט - דאָס ליידן, מוז טאקע אין נאָמען פון ליידן ניט פארזען און אונטערשטרייכן די בולטע ריסן אין אונדזער לעבן און אין אונדזער צייט, ווי ווייט ווייטאָגדיק דאָס זאָל אין אונדז ניט ווירקן —

איך האָב געזען געשמיסענע לייבער
און בלוט איז גערונען פון זיי;
אַז איך בין געוואָרן אַ שרייבער,
האָב איך געשריבן לידער פון שניי —

אזוי דערציילט לייוויק אין זיין „א ליד וועגן זיך". ער דערציילט אונדז אויך, אז דאָס בלוט אונטער שניי לאָזט זיך ניט פארבאהאלטן, אז דאָס „וואָרט", און ציט און פאָדערט. און אַט - די וויזיע פון „בלוט אונטער שניי" האָט דעם דיכטער אויך אין זיין גן - עדן - פארוואָרפנקייט, אין וועלטישער „ווינטער־פארקראָכנקייט" ניט צו רו געלאָזט, ביזוואַנען דאָס האָט זיך דורכגעבראָכן דורכן שניי - צודעק און אָפגעקלונגען אין „גן - עדן" - רוים מיט שטאַרקע, מעטאל - קלינגענדיקע סאָציאַלע לידער, וואָס טראָגן אויף זיך צוגלייך מיט די טיפע שפורן פון א דיכטערס אינדיווידועל געזאנג אויך די הויים - פייערדיקע חתימה פון דער צייט...

דורך ליידן דערזען די וועלט, דורך ליידן דערקענען די וועלט — דאָס איז דער אינערלעכער עטיש - קינסטלערישער פארזאָג, וואָס פירט ה. לייוויקן פון די „לידער פון גן־עדן" צו דער פאָעמע „אבעלאר און העלואיז", א פאָעמע וואָס איר פראָלאָג אין פאָרם פון אבעלארס לידער צו העלואיז גיט אונדז דער דיכטער אין זיין בוך „לידער פון גן־עדן". די געשטאַלט פון אבעלאר, פון אַט־דעם מיטלאַלטער־

לעבן טעאָלאָג - פילאָזאָף און דיכטער, וואָס האָט צוליב זיין „מאַרטירערישער, קיינמאָל ניט פאַרראַטנדיקער ליב־שאַפט" סיי צו זיין געליבטע, די מאָנאַכין העלואיז, סיי צו די אמתן פון זיין געדאַנק; וואָס ער האָט מיט אויסערגע־וויינלעכן מוט מאַניפעסטירט אין דער פינצטערסטער צייט פון קירכלעכער גייסט - פאַרשקלאַפונג, באַצאָלט מיט זיין פרייהייט און מיט כבוד פון זיין גוף, — די געשטאַלט אַבע־לאַר, האָט, קענטיק, געפאָדערט אַ באַזונדערע אויסטיילונג אין לייוויקס שאַפונגסוועלט, און אויסטיילונג, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אויסגעגאָסן אין איינע פון לייוויקס הערלעכסטע שאַפונגען.

מיט גרויס - קינסטלערישן אויסדרוק פורעמט דער דיכ־טער די לעבן- און לײַדן - געשיכטע פון אַבעלאַר. אין ווידוי־מאָנאָלאָג פון אַבעלאַרן צו העלואיז, אין מאָנאַסטירן־צעל, דעקט אַבעלאַר אויף די צווייאיקייט אין זיין וועזן ערב זיין דערגרייכן די ליבשאַפט פון העלואיז, די סתירה צווישן גייסט און גוף וואָס האָט אַבעלאַרן פאַרפאָלגט נאָך איידער דער כוס פון זיינע יסורים איז פאַרפולט געוואָרן, דעם אָנ־פאַל „פון מאָדנע, נאָגנדיקע, בלינדע תאוות, אַזוינע ציענדיקע הונגערס — טויזנט הונגערס", וואָס רויבט זיין רו, צעשטערט די אינערלעכע האַרמאָניע פון זיין גייסט. אין יסורים - געראַנגל צווישן לויטערקייט פון גייסט און עקל פון גוף — געראַנגל, וואָס איז, אַגב, אַזוי נאָנט ה. לייוויקן דעם דיכטער, נאָך פון זיין ליד „איך בין אַ צוויי־געשטאַלטיקער" אָן — ווערט צוגעגרייט אַבעלאַרס קומענ־דיקע נקמה פון זיין גוף, אַ נקמה וואָס איז, אמת, דורכגע־פירט געוואָרן דורך אַנדערע, דורך שנאהדיקע הענט. אין אָט־דעם געראַנגל קומט אָבער אויך אויף אין אַבעלאַרן דער חלום און די האָפענונג, „אַז ערגעץ וואַרט אויף מיר אַ מענטש אַ זעלטענער, אַ לויטערער, אַ ריינער, און דער־הויפּט אַ גאַנצער, אַ מענטש — אַ פרוי, וואָס זאַמלט כוחות

צו זיין פאַר מיר געליבטע, כלה, שוועסטער, מוטער און נאָכדעם פאַר מיר ווערן מענטש ־ השגחה, און אויסדער־לייזן מיך פון ביטערן געראַנגל מיט מיין גוף". — —

אָבער אויך נאָכדעם ווי העלואיז קומט צו אים, באַ־שענקט אים זיין גורל מיט לייד. עס קומט ער, דער פּאַטער גרעגאָרי, אַבעלאַרס שענדער, וואָס איז איצט דער מאָנאַס־טיר ־ פּאַטער; ער, דער סימבאָל פון מיטלאַלטערלעכער קירכלעכער צביעות און בלוט ־ גיריקייט, וואָס צעשיידט אַבעלאַרן מיט זיין געליבטע און ברענגט די „גאולה" פון אַבעלאַרס גוף דורך — שטראָמען בלוט. און ווידער, אין אַ נאָך שאַרפערער פאָרם, הויבט זיך אָן אַבעלאַרס „וויאַ דאָלאָראָזאַ" דורכן לעבן. אַבעלאַר לעבט אַדורך שעהן פון פּיין, ספקות, פון זעלבסטמאָרד ־ געדאַנקען. אין אַזעלכע שעהן רופט אַבעלאַר צו זיך אַליין: „נעם, שליידער זיך פונאַנדער אויפן דיל, אַבעלאַר, און זאָל די נאַכט פונאַנדער־שלעפן דיינע אברים, ווי עס שלעפט אַ וואָלף פונאַנדער אַ פאַרצוקטע שעפּס"... אין אַזעלכע שעהן שפּירט אַבעלאַר ווי זיין גוף „איז ווידער אויפגעריי‎צט ווי אַ געשפּענסט, ווי אַ געיאָמער פון מרידה, ווי אַ פלוך אַנטקעגן פייניקער, אַנטקעגן תליון; מיין גוף איז ווידער אָנגעצונדן מיט אַ סם, מיט שנאה און מיט לעכצונג נאָך נקמה, נאָך מאָרד". און ווידער ראַטעוועט אים העלואיז. דורך גראַטעס פון מאָנאַס־טיר ־ צעל, דורכן בלוטיקן נעפּל פון דעראינערונגען, דורך לייד און אַנטוישונג, שיינט העל צו אים די געשטאַלט העלואיז, די געשטאַלט פון גלויבן און האָפנונג, וואָס פירט אים לסוף אַרויס, אין דער מאַסקע פון פאַרשטעלטן, שטור־מען מאָנאַך, פון מאָנאַסטיר אין וואַלד אַריין. אין וואַלד, אין מלכות פון דער נאַטור, פאַראייניקט דורכן גרויסן, הייליקן בונד פון ליבשאַפט, דערשפּירט אַבעלאַר ווי „די ספקות ווערן אויפגעלייזט ווי טוי אין זון", ווי דער קלאַנג

פון „געוויסן און נבואה וועגן וועלט און מענטש" וועקט זיך אין אים:

> אַ מענטש אַ נייער אַ גע‌זינטערער זאָל קומען.
> און מיר זיינען זי טרעפ פאַר זיינע פיס — —

אַבעלאַר דער ליידנדיקער, פאַרזינקט נישט אין זיין ליידן, נאָר וואַקסט אויס צו דער סימבאָלישער פיגור פון אַ שטראָפער און צאָרנער. פאַרלאָזנדיק די שטומע, שטאַרע ווענט פון מאָנאַסטיר, פאַלט פון אים אַרונטער די שוואַרצע מאָנאַכן - קלייד און ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דראָענדיקער וויזיע קעגן דער רשעותדיקער וועלט. און אויך העלואיז, די צאַרטע בלום צווישן די מאָנאַסטיר-ווענט, הויבט אויף איר שטים אין נביאישער צעצונדנקייט:

> געפּייניקט זיינען אַלץ נאָך די גערעכטע,
> און עלנד זיינען אַלץ נאָך די, וואָס האָבן ליב — —

— „שפּיטאָל? אפשר תפיסה? צי גאָר מאָנאַסטיר?" — פרעגט דער דיכטער ביי די טויערן פון „גן-עדן - לידער". אָבער דעם דיכטערס מענטש - עבודה ענטפערט: אַלע דריי צוזאַמען...

י. אין אָטעם פון חומש און אין ליכט פון — היינטצייט.

געשטויסן פון אַן אינערלעכן עטישן און קינסטלערישן הונגער, גראָבט ה. לייוויק מיטן אַקער פון זיין וואָרט אין אַלץ ברייטערע און טיפערע שטחים פון יידיש - מענטשלעכן לעבן. פון דער ווירקלעכקייט צו געשיכטע. און פון געשיכטע צום סאַמע ערב, צום סאַמע מקור פון מענטשלעכער שאַפונג — צום תנ"ך. דער „ספר הספרים" איז ניט בלויז דאָס „היימלאַנד אין וואַנדער - טאָרבע", לויט היינע, פון יידישן פאָלק. ס'איז אויך דאָס אייביקע היימ-

לאַנד פון מענטשלעכן געדאַנק, פון אוניווערסאַלן גענייוס, וואָס גראָבט און אַנטדעקט אין אים אַלץ נייע און פרישע וואונדער. ס׳איז דאָס אייביק נישט אויסגעפּאָרשט לאַנד, וואָס ציט־צו צו זיך די ברענענדיקע אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע דיכטער אין אַלע פעלקער - ליטעראַטורן. אויך ה. לייוויק אין זיין גייסטיקער עקספּאַנסיע, איז געפאַנגען געוואָרן פון טיפן צויבער, וואָס דער ספר־הספרים גיט פון זיך אַרויס. און זיינע דראַמעס „די עקדה״ און „סדום״ זיינען די זעלטענע פרוכט, וואָס ה. לייוויק האָט אין יענעם געבענטשטן וואונדערלאַנד געפּליקט. אָבער אויך אין די ביבלישע דראַמעס איז ה. לייוויק נישט דער דיכטער, וואָס באַגנוגנט זיך מיט גרייטן, וואָס קומט איבערגיסן אין דראַמע - פורעם דעם פאַרטיקן ספור - המעשה און די פאַר - טיקע געשטאַלטן, וואָס זיינען אַזוי לעבעדיק און בלוטפול איינגעוועבט אין לירישעפּישן סטיל פון ספר בראשית. מיט אַן אייגענעם צוגאַנג גייט ה. לייוויק צו צו דעם גרייטן חומש - סוזשעט. און ניט בלויז אין ווייטער - גיין פונם וואויל - באַקאַנטן ספור - המעשה - שטח דריקט זיך אויס לייוויקס אייגענער צוגאַנג, נאָר אויך אין רעוואָלטירן קעגן דעם אָנגענומענעם חומש - נוסח, אינם אַקצענטירן אַזאַ גע־שטאַלט, וואָס איז גראָד אין חומש, ביי דער געהעריקער סיטואַציע, פאַררוקט, פאַרשאָטנט, און, להיפוך, אינם פאַר־שאָטענען און גאַנץ - אָפּט אינם אָפּפרעגן אַזאַ געשטאַלט, וואָס די געהעריקע חומש - סיטואַציע צענטראַליזירט, פאַר־עיקרט. דאָס איז, קודם־כל, צו זען אין זיין דראַמע „די עקדה״, געבויט אויף דער באַקאַנטער מעשה פון עקדת־יצחק, אַ דראַמע, וועלכע איז „געווידמעט דעם אָנדענק פון אַלע די, וואָס זיינען ווען ניט איז געבראַכט געוואָרן אומ־שולדיקערהייט פאַר אַ קרבן אויף וואָס פאַר אַ מזבח ס׳זאָל ניט זיין — צי דער מזבח איז אַ קופּע שטיינער, צי אַ נאַרע פון אַ תפיסה, צי אַ בעט פון אַ שפּיטאָל, צי גאָר אַ שוועל

פון א שטוב״. שוין אָט - די ווידמונג זאָגט־אָן — נייס, שטורעמדיקס, אַנדערשדיקייט, אין ה. לייוויקס דראַמאַטי־שע אינטערפּרעטאַציע פון עקדת־יצחק. און ווירקלעך. ה. לייוויק וועגטילירט דעם אַנטיקן ביבלישן שטאָף פאַר זיין דראַמע. ער נעמט אים דורך מיט זיינע אויגן, פּרוווט אים אויס מיט זיינע פינגער און בלאָזט אין אים אריין זיין אָטעם,

צום אַלעם ערשטן גיט ער אַ זין די עצם מעשה פון דער פּרואוווּנג, מיט וועלכער גאָט האָט אברהמען געפּרוווט, אין ,,פּעריאָד אין אברהמס לעבן, ווען די אידייע פון גאָט האָט זיך שוין אָפּגעטיילט פון מגושמדיקער געצנדינערײַ, אָבער צו ריינער גייסטיקייט נאָך ניט געקומען״. ה. לייוויק בינדט־אָן דעם זין פון דער פּרוּוואונג אָן דער פּריערדיקער ,,השתל־שלות״ פון די פּאַסירונגען. נישט בלויז צום אויספּרוּוון אברהמס פרומקייט און איבערגעבנקייט קומט אין זיין לעבן דער דראַמאַטישער עפּיזאָד פון דער עקדה, נאָר צו עפּעס מער, צו מתקן זיין אַן עוולה, צו אויפמאַנען אַ חוב — עס איז די עוולה, וואָס אברהם איז באַגאַנגען כלפּי הגרן, פאַר־טרייבנדיק איר מיטן קינד אין מדבר אריין. סיי אברהם, סיי שרה דערפילן די עוולה שפּעטער, ווען אַברהם קלייבט זיך מיט יצחקן צום הר מוריה, דאַן דערשפּירט אברהם אין זיינע רייד צו שרהן, אז — ,,איך ווייס אַליין ניט וואָס מיר זאָלן טאָן, אָבער חרטה אַליין איז שוין איצט, האָב איך מורא, ווייניק. הגר האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אין מדבר מיט אַ גרעסערן געוויין ווי דיינער איצט״... און ווייטער: ,,ישמעאל איז געלעגן אַ פאַרחלשטער, מסתמא, אַ שטאַרבנ־דיקער, ווי עס ליגט אַ שעפּס אויף אַ ברענענדיקן מזבח; — און איצט ווילסטו אָפּקומען נאָר מיט חרטה״. און דאַן רעדט זיך שרה, וואָס ווייס נאָך נישט דעם אמתן באַטייט פון יצחקס גיין מיט אברהמען צום הר מוריה, ארויס, ווען אַפילו מיטן טאָן פון וואונדערן - זיך: ,,צי דען דערפאַר

וואָס ישמאל איז געלעגן, ווי דו זאָגסט, אויפן מדבּרדיקן מזבּח און געבּרענט זיך, דאַרף מען דערפאַר איצט שלעפּן אויך יצחקלען ער זאָל זיך בּראָטן אויף דעם מדבּרדיקן מזבּח?״ — דאָ דעראַנט אויך שרה, אַז זי דאַרף עפּעס צאָלן אַ גרויזאַמען חוב — יאָ, דערפאַר, טאַקע דערפאַר.

און ווען עס איז שוין אונטערגעבּעט דער „דערפאַר״ אונטער דעם עקדה־עפּיזאָד, דער „דערפאַר״, וואָס פירט שוין שפּעטער אַריין ישמעאלן ווי אַ צענטראַל־פיגור, ווי אַ וויכטיקן, אויפמאָנענדיקן עדות צו יצחקס שפּעטערדיקן, מורדישן טאַט, אין פאַרלויף פון דער דראַמע, קומט דאָס עיקרדיקסטע, דאָס בּרענענדיקסטע, וואָס האָט לייוויקן אָנגערעגט צו זיין דראַמע—דער בּונט פון יצחקן, פון „קרבּן״ אַליין, קעגן זיין קרבּן־בּרענגער, אברהמען. די שיר נישט אידילישע חומש־בּאַשרייבונג, וועגן דער פאָלגעוודיקייט און געהאָרכזאַמקייט פון יצחקן, וואָס האָט אויף זיך מקבל־באהבהדיק גענומען אויסצופירן דעם טאַטנס שליחות, ווערט דאָ מיטאַמאָל אָנגעגליט מיט אייגן־לייוויקשן קאָנפליקט, און שפּאַרט ארויס צו הויך־דראַמאַטישער עקספּלאָזיע. יצחק לאָזט זיך גאָרניט אַזוי לייכט בּינדן און ליגן אויפן מזבּח. להיפוך, ער רעוואָלטירט מיט מוראָדיקער פאַרבּיסענער אַיינגעשטעלטקייט: „פאַרוואָס קומט מיר שטאַרבּן״? — פרעגט יצחק. און ווען אברהם ענטפערט אים: „אַזוי איז דער ווילן פון גאָט.״ — פרעגט ער ווידער: „אָבּער פאַרוואָס עפּעס דאַרף איך דער קרבּן זיין? און פאַר וואָס האָט גאָט ניט געפרעגט בּיי מיר, צי וויל איך זיין דער קרבּן?״ און ווען אברהם ענטפערט אים אויף דעם: „גאָט, דער האַר, דאַרף בּיי קיינעם ניט פרעגן״. — פרעגט יצחק ווידער: אָבּער דו — פאַרוואָס האָסטו ניט געפרעגט בּיי מיר צי וויל איך שטאַרבּן?״ און אויך אויף אברהמס פאַרענטפערן־זיך: „איך האָבּ געטאָן דעם ווילן פון גאָט״, האָט יצחק ווידער צו פרעגן: אָבּער דו פירסט דאָך מיך שעכטן—

וואָלסטו דאָך באַדאַרפט מיך פרעגן, — ס'איז דאָך מיין לעבן, וואָס דו ווילסט אומברענגען" — — און אַזוי ווערט קרבן אַליין פאַרוואַנדלט אין פרעגער, מאָנער, באַשולדי־קער. און אַזוי ווי פון באַשולדיקער ביז רעאַגירער איז אַ גאָר קנאַפּער מהלך, קומט אויך יצחק און רעאַגירט, רעאַ־גירט ווי בייראָנס „קין" האָט רעאַגירט — מיט טויט קעגן טויט — אין פאַל יצחק: מיט טויט־שרעק קעגן טויט־שרעק... שוין נאָכדעם ווי יצחק ווערט אַראָפּגענומען אַ גע־ראַטעוועטער פון מעסער און פייער דורכן מלאך'ס קול „האַלט!", הייבט זיך אָן אַ נייע עקדה — אָן עקדת אברהם... דאָ ווערט שוין יצחק דער קרבנות־ברענגער און אברהם — דער קרבן. יצחק צווינגט דאָן, מיט ישמעאַלס כוח, אַלס אויפמאָנענדיקער עדות, זיין טאַטן, אברהם, אויפן מזבח זיך צו לייגן, און אויסטרינקען „ביזן דעק" דעם לאָגל פון טויט. אברהם מאַכט דורך, ליגנדיק אויפן מזבח, דעם גאַנצן גרויזאַמען מהלך פון טויט־שרעק, פון אַריינגעמען דעם טויט אין זיך ביז גרענעצלאָזן אויפלייזן זיך אין אים, אין דער מאָס, אַז בלייבנדיק אפילו נאָכדעם ביים לעבן, זאָל מען אים, דעם טויט, נאָך אַלץ האָבן אין זיך. און ערשט ווען אברהם ליגט אַ געבונדענער אַנטקעגן אויפגעהויבענעם מעסער — לאָזט אים יצחק פריי, ווייל: „דאָס, וואָס איך דאַרף, האָב איך שוין דערגרייכט. איך דאַרף נישט דיין טויט. — די אַנגסטן דאַרף איך, און נישט דעם טויט. אדרבה. לעב. איצטער לעב!". יצחקס טאַט ווערט אַזוי אַרום דיק־טירט הן דורך אַריינגעמען דעם טויט אין זיך, ליגנדיק אויפן מזבח, אַזוי, אַז אויך אַראָפּגייענדיק פון מזבח זאָל ער זיך פילן אַ געשאָכטענער, ווי ער שרייט אויף נאָך זיין טאַט פון עקדת־אברהם: „אברהם, אברהם, טאַטע, — וואָס האָסטו געטאָן מיט מיר? נעם אַרויס דיין מעסער פון מיין האַלדז! פאַרוואָס שעכסטו מיך נאָך?" — דאָ יאָמערט

אַרויס דאָס קול פון געוויסן אין זיין גאָרער צעצונדנקייט— און הן דורכן גרויסן אויפפלאַקער פון באַוואוסטזיין אין יצחקס רייד: — „און גיי, גאָט, און דערציייל עס דערנאָך צו אַלע מענטשן, צו אַלע דורות; דערציייל, אַז דער לאָגל פון גוואַלט און פון קרבן - טויט איז אויסגעטרונקען ביזן דעק — — און דאָס וועט זיין מיין בונד, גאָט, וואָס איך וועל פאַרשניידן מיט דיר און מיט דער וועלט; און דאָס וועט זיין אַ דערמאָנונג פאַר יעדן, וואָס וועט וועלן אויפ־הויבן אַ האַנט אויף אַ לעבעדיק וועזן; אַ צייכן פאַר אַלע דורות, אַז קיינער זאָל ניט וואַגן מער אויפהויבן אַ האַנט אויף אַ לעבעדיק וועזן.״ — — יצחק, דער קרבן, ווערט דורך דער פּריזמע פון ה. לייוויק באַלויכטן ווי אַ דערמאָ־נונג פאַר די דורות, ווי אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון ברענענדיקסטן רעוואָלט קעגן דער אומרעכט פון ניט־רעכע־נען זיך מיטן קרבן, פון שיקן אים, בלינדערהייט, אויף אַלע מזבחות פון אַלע צייטן...

מיטן לאַנצעט פון געוויסן גייט ה. לייוויק אויך צו צום חומש - עפּיזאָד „סדום״, און פאַרוואַנדלט אים פון איין זייט אין אַ מעכטיקער סאָציאַלער דראַמע און פון דער אַנ־דער זייט אין אַן אָנקלאָג - דאָקומענט פאַרן טיף - מאָראַ־לישן פּרינציפּ, וואָס דאַרף פאַר אַלע דורות אַוועקגעשטעלט ווערן ווי דער איינציק - באַרעכטיקטער כלי - זין אַקעגן רשעות, אַקעגן סדום. שוין אינם פּראָלאָג איז צו געפינען אָט־דעם צוגאַנג, לייוויקס. צווישן די דריי אורחים, וואָס קומען חרוב מאַכן סדום, איז דער דריטער אורח אַן אַנדע־רער, ווי די ערשטע צוויי. ער געהערט צו די „נפילים״, וואָס „איז באַרירנדיק די ערד, געוואָרן אויס מלאך און גע־וואָרן מענטש פון דער ערד״. און ווייל ער איז געוואָרן מענטש פון דער ערד, האָט ער ליב - באַקומען די ערד און די מענטשן וואָס אויף דער ערד, און איז אַזוי־אַרום, פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ מליץ - יושר פאַר דער ערד, אַפילו

ווען זי איז זינדיק, ווי סדום: „אין איין טאָג — זאָגט דער דריטער אורח — בין איך צוגעוואַקסן געוואָרן צו דער ערד, צו אַלע לענדער, צו אַלע תקופות. און פאַר איין טאָג האָט מיך די ערד, ווי מיט אַ וואַרפנדיקער האַנט, געשליידערט פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, פון איין תקופה אין אַ צווייטער — — און דער גורל פון מענטשן אויף דער ערד נעמט מיך דורך ביז צום וויינען". זיי, דער ערשטער און דער צווייטער אורח, זיינען ווייט פון דער ערד. דעריבער איז ביי זיי דער גזר פון אומקום פאַר סדום אַ גאַנצער, אַ שאַרפער, אַן אַריינגעלייגטער אין זייער מהות, ווי אַ שווערד אין אַ שייד. קומענדיק קיין סדום און זיך צונויפשטויסנדיק מיט דער שוידערלעכער רשעות פון אירע מענטשן, רשעות וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו — קולט, טוגנט, וואו שנאה צום פרעמדן איז אידעאַליזירט און דערהויבן, וואו דאָס „הייליקע" סדום - בעטל איז די פאָרם פון העכסטן געזעץ, ווילן גאָר די ערשטע צוויי אורחים ניט אָפּוואַרטן, ביז וואַנען זיי וועלן געפינען צען צדיקים, כדי צו ראַטעווען סדום: „קיין צען צדיקים האָבן מיר ניט געפונען אין סדום, אָבער שטיינער — פון רשעים — מער דוכט זיך ווי צען" — זאָגט דער ערשטער אורח — און דעריבער: „די צען שטיינער עפענען זייער מויל און זיי זאָגן, אַז די שעה פון פייער און חורבן דערנענטערט זיך". פאַרן דריטן אורח איז אָבער שוין גענוג די געשטאַלט פון חמדה, לוטס טאָכטער, פון אָט דער וואונדערלעכער בלום פון ליבשאַפט און רחמנות, וואָס איז אויפגעוואַקסן אויף סדומער אכזריותדיקן באָדן, בכדי ער זאָל ערשט וועלן אָפּהאַלטן דעם חורבן פון סדום, וואָס וועט דאָך מיט זיך ברענגען ניט בלויז דעם אומקום פון די רשעים, נאָר אויך פון די קליינע קינדער און פון די אָרעמע קנעכט: „די שעה פון גזר קומט, די שעה פון פייער, — אָבער די שעה פון מענטש דאַרף קומען פריער פאַר פייער, פריער פאַר גזר". אָט־דער מאָראַלישער פּרינציפּ טרייבט־

אונטער דעם דריטן אורח, א געשטאַרקטן פון חמדהס אויפ־מונטערנדיקע רייד, זיך ווידער צו לאָזן צו די קנעכט אויף דער מויער - וואַנט, בכדי צו פונאַנדערפלאַקערן צווישן זיי דעם פייער פון מרידה, און ראַטעווען זיי, אַזוי אַרום, פון חורבן. ס׳קומט צו אַן אויפשטאַנד, אַ מוראַדיקן, אַ העל־דישן. ס׳קומט אַן אינערלעכער בונט קעגן סדום, וועמעס אָנפירער זיינען — דער דריטער אורח, חמדה און איר גע־וועזענער קנעכט און איצטיקער מיטקעמפער — נמרוד. און ערשט ווען די מרידה פאַלט־צוזאַמען, ווען ס׳הייבט זיך אָן די מאַסן־שחיטה פון די סדומער הערשער איבער די גע־פאַנגענע און פאַרמוטשעטע בונטאַרן, ערשט ווען דער דרי־טער אורח אַליין ווערט געפאַנגען און געפייניקט אָפן ,,סדום־בעטל׳׳, ערשט־דאַן קומט דעם דריטן אורחס צושטימונג צו די ערשטע צוויי אורחים ווענן אומקום פון סדום: ,,איך האָב געוואָלט ביז דער סאַמע לעצטער איינשטעלעניש גיין, ביזן סאַמע לעצטן נסיון. אפשר וועט פּאַרט אין אייך אַלע־מען אַ נס געשען, דער נס פון איבערענדערונג, דער נס, אַז פון חיה זאָל ווערן מענטש׳׳, ,,אָבער — זאָגט ווייטער דער דריטער אורח, ליגנדיק אויפן מאַרטער - בעטל — איך האָב קיין חרטה ניט. פאַרקערט, איך בין גליקלעך; ווייל נישט צוליב אייך, איינגעטונקענע אין בלוט און רשעות, האָב איך אָפּגעשריען אויף אַ טאָג דעם חורבן, וואָס דאַרף קומען אויף אייך׳׳. צוליב וועמען? — ,,צוליב די, וואָס זיינען אומגעקומען נעכטן און היינט. צוליב נמרודן האָב איך זיך אַריינגעמישט, צוליב אמרפלן, צוליב די, וואָס ליגן געבונדענע און צעבלוטיקטע, און — צוליב חמדה׳׳...

דאָ האָבן מיר דעם גרויסן, מאָראַלישן אמת, ווי ער ווערט געשליידערט פון דיכטער איבער ווייטע שטחים פון דער מענטשלעכער געשיכטע. ס׳איז גאָר ניט שווער אַרויסצוהאָבן דאָס ליכט פון היינטצייט אונטערן אָטעם פון חומש...
,,סדום׳׳ איז אָבער ניט בלויז אַ משל. אין לייוויקס מערק־

ווירדיק ־ קראַפטפולער געשטאַלטונג איז סדום אַליין — נמשל. ווייל ערשט דורכן אַריינלעבן זיך אין דער פּרט־היסטאָרישער אַטמאָספער פון סדום, אַזש ביז צום אויפטור־רעמען סדום אין איר גאָרן לבוש, אויפהילנדיק צו דעם צוועק אַלע געהיימע פּעלבעלעך וואָס ליגן פאַרמאַכט אין די חומש־פסוקים אַרום ענין סדום, פּעלבעלעך פון בלויז רמז, פון בלויז אַנדייט אַף אַ געשטאַלט, אַף אַן אידיי, לאָזט זיך פונאַנדעררעלן אויף אַ גאָר ־ ברייטן אופן די געשיכטע פון מענטשלעכע קאַמפן, קאַמפן פון יושר קעגן רשעות, וואָס שטעמפּלען אַזוי בלוטיק דעם פּנים פון אונדזער תקופה, וואָס זיינען אָבער אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז דער מענטש, און די ערד אויף וועלכער ער וואוינט. אויפסניי האָט אַ גרויסער דיכטער גבורהדיק געעפנט די טויערן פון אַנטיקסטן עבר, און מיר האָבן דערזען — אונדזער צייט, מיט אַלע אירע שווידערלעכסטע אָפּגרונטן און מיט די אַלע גע־שטאַלטן פון אַ חמדה, פון אַ דריטן אורח, וואָס זיי און נאָר זיי העלפן אַרויס די וועלט אין איר ביטערן, אומאויפ־הערלעכן געראַנגל מיט סדום.

און — זיך אָנגענומען מיטן אַטעם פון חומש, גייט ער אים שוין נאָך, ה. לייוויק, אין אַלע זיינע לעצטערע, אין בוך ־ פאָרם נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע לידער. באַזונדערש איז אַרויסצושעפּן אָט דעם ביבלישן אַראָמאַט פון יענע לי־דער לייוויקס, וואָס זיינען טעמאַטיש געבונדן מיט לייוויקס לעצטן באַזוך אין לאַנד פון חומש — אין ארץ ־ ישראל.

„דער גאַנצער פּייזאַזש — שרייבט ה. לייוויק אין איינע פון זיינע ארץ־ישראל ־ איינדרוקן — עכט ביבליש. אַ מליצה און אַן אויסטראַכטעניש — עס גיט אַ ווײַ מיט מדבר ־ אָטעם, און מען דערפילט טאַקע מיט אַלע חושים דעם אָטעם פון די חומש ־ דערציילונגען, דעם אמת פון די מדבר ־ וואַנדערונגען, דאָס געשריי נאָך וואַסער, די בענק־שאַפט נאָך אַ ברונעם און דעם גרויסן וועזן, וואָס דער

חומש מאַכט פון אַ ברונעם״. ערשט דאָס אוממיטלבאַרע צונויפטרעפן ־ זיך מיטן חומש ־ גייסט, וואָס ליגט איינ־געוויקלט אין די איינזאַמע, פעלזיקע בערג און אין די פון יידישע הענט שוין אויפגעגרינטע טאָלן פון ארץ־ישראל, האָט דערבראַכט, אַז אויך דאָס נייע לעבן, דאָס היינטציי־טיקע, וואָס יידישע קינדער בויען אין לאַנד, זאָל דער דיכ־טער דערטאַפּן מיט זיין אמתדיקן, עכטן שורש. נעמען מיר טיפער אויף די לידער, וואָס ה. לייוויק האָט פאַרעפנטלעכט, ווי לידער פון ארץ־ישראל, געפינען מיר דעם שטאַרק ־ פאַרבינדנדיקן פאָדים, וואָס ציט זיך פון די פאַסטוכער־גע־צעלטן אין חומשדיקן ארץ ־ ישראל ביז די געצעלטן פון די היינטצייטיקע קבוצות, וואָס מאַכן דאָך אויך אַזאַ גרויסן וועזן פון אַ ברונעם... געגוג דאָס אַריינטראַכטן ־ זיך אין אַזאַ ליד, ווי „דער פאַסטוך שאול״, בכדי אויפצוכאַפּן אָט־יענעם ניט ־ צעריסלעכן, המשכדיקן פאָדים, וואָס האַלט צונויף אונדזער לעבן סיי מיטן פאַרצייטיקן חומש, סיי מיטן היינטצייטיקן און צוקונפטיקן ארץ ־ ישראל. מיט אַ קול אָן אָנגעגליטן פון אינערלעכן עקסטאַז, זינגט דער דיכטער צום פאַסטוך און קעניג שאול:

די זעלבע סטאַדע, פאַסטוך ליבער,
מיט זעלבער פאַרביקייט פון וואָל. —
די סטאַדע וואַכט, די סטאַדע פיבערט —
קום ווידער פיטערן אין טאָל

— — — — —

אויף באַרג גלבוע טאַנצן שטערן
אַרום דיין גוף אַ קאַראַהאָד,
און אונטן קוקן צו און הערן
די נייע זין פון עין ־ חרוד.

און אַזוי ווערט פאַרבונדן שאולס לעבן און אויך שאולס בלוט מיטן לעבן און בלוט פון די „נייע זין פון עין־חרוד״.

וואָרום ניט בלויז „קוקן און הערן‟ ווי ס׳טאַנצן די שטערן אויפן באַרג גלבוע אַרום שאולס גוף „אַ קאַראַהאָד‟, טוען די זין פון עין־חרוד, נאָר — אויך צונויפמישן זייער בלוט מיט זיין בלוט, אויב דער פאַרזאָג פון דער שעה פאָדערט.

— — אין אַ צווייט ליד, „אויפן באַרג פון שעיך - אַ - ברעק‟, צום אָנדענק פון אַלעקסאַנדער זייד, דער סאַמע־וואונדערלעכסטער פאַרשטייער פון די נייע „שאָאולס‟, איז דאָס ווערן שותפים פון די נייע צו די אַלטע שאולס, נישט בלויז אין פּאַשען די פּי, ניט בלויז אין טראָגן אויף זיך, ווי אַ גילדערנע לאַסט, די וויזיע פון מלכות, נאָר אויך אין פאַרגיסן דאָס אייגענע בלוט, — צום באַזונדערן פאַרשיין געקומען. סיי „יעקבס לייטער‟, סיי „יעקבס שטיין‟ זעט לייוויק אין זיידס בויערישער טאַט. אָבער אויך — יעקבס חלום, דער חלום וואָס גייט איבער פון זיידן, נאָך זיין טויט, צו צפורהן, זיין לעבנסבאַגלייטערין, וואָס היט „אָן שפּור פון מורא‟ די אַלט - נייע היים — שעיך - אַ - ברעק, און וואָס צפורה גיט עס איבער צו אירע קינדער...

לייוויקס דראַנג נאָכן נייעם, באַפרייטן יידישן מענטשן, האָט אים אויך צום נייעם יידישן מענטשן פון אַלט־נייעם לאַנד געבראַכט, אַ שמעק טאָן זיינע יסורים און אויך פאַרנעמען אין די נעכט זיין געזאַנג, וואָס גרייכט ביז די שטערן. ערשט דאָס טיף - פּערזענלעכע צורירן - זיך צום יידישן מענטשן פון א״י, פון אָט - דאָס לאַנד, וואָס איז געחתמעט מיט אַזוי פיל קברים און מיט אַזוי פיל געבורטן, ערשט דאָס דערמעגלעכט ה. לייוויקן צו קומען און באַשליסן, אַז „דער היסטאָרישער זין און לאָגיק פון יידישן לעבן ווערן מער באַרעכטיקט מיט ארץ - ישראל‟, צו זען ארץ - ישראל „אין ליכט פון שותפות צו אַלע אונדזערע איבערלעבונגען, אויף וויפל איך פּאַס אויף דאָס יידישע לעבן ווי אַן איינהייט, אַ היסטאָרישער‟ — —

ניט צופעליק איז דער ביבלישער מאָטיוו אין אַלע

זיינע וואַריאַציעס אַזוי אייגן לייוויקן. ס׳איז ה. לייוויקס סטיל, וואָס פּאַראייגנט אים אַזוי, ווי קיין אַנדער יידישן דיכטער נישט, אַ חוץ יהואש, טיילווייז ליעסינען, האַלפּער־נען, צום תנך ־ מאָטיוו. די אומגעוויינלעכע זעאונג, די אויסטערלישע בילדלעכקייט, וואָס שפּייזן זיין ליד, זיינען אין תוך אַרויסוואַקסן פון לייוויקס תנך ־ סטיל. אָט איז אַ בילד פון אַ זון ־ פאַרגאַנג, ווי לייוויק זעט אים, אין דער וואונדערלעך ־ וויזיאָנערער פּאָעמע „וואָלקנס הינטערן וואַלד״:

...רויט פאַרגיסט זיך דער הימל, און עס נידערט
  אַרונטער אַליין דער באַשעפער
מיט אַן אויפגעעפנט ־ אויפגעריסן לייב, אַז עס זעט
  זיך זיין גאַנצע איינגעווייד.
עס שמעקט פון אים מיט געזאַלצענער היץ און עס
  זידט דאָס געשריי פון זיין וואונד.

דאָ האָבן מיר אַ בילד וואָס טראָגט אין זיך אַ טיף ־ ביב־לישן שורש. שוין דאָס „פּאַרמענטשלעכן״ די נאַטור, איר אַריינגנעמען אין מענטשן אַריין, איז עכט ־ ביבליש. אָבער ניט בלויז מענטש און ניט בלויז די נאַטור ־ כוחות וואָס רוישן ווי וואַסערפאַלן אין אַלע לייוויקישע מאָטיוון, טראָגן אין זיך יענעם נס פון לעבן, וואָס מיר געפינען אין תנ״ך, וואו היגלען שפּרינגען ווי באַראַנען... אויף דעם שטומען חומר פאַרוואַנדלט לייוויק אַ דאַנק זיין אינערע, סימבאָלישע אויג, וואָס איז אין אים תמיד אָפן, אין לעבן. אַזאַ פּאָעמע ווי „דער קראַנקער צימער״ איז דער שענסטער ביישפּיל. אָבער אויך אין די שפּעטערדיקע, פּילצאָליקע לידער, איז דאָס פּאַרמענטשלעכן דעם חומר לייוויקס אַ טיפע אייגנ־שאַפט. לייוויק זעט דעם גרויל פון אַ מצבה ־ שטיין, וואָס בלייבט עלנט אויפן איינזאַמען בית ־ עולם, פונקט ווי ער הערט דאָס געוויין פון די שערן אין די הענט פון יידישע

שניידערס אין די אַמעריקאַנישע שאַפּן, וואָס שניידן איבער ,,אין פאַרצווייפלונג דעם האַלדז זיך אַליין״... ער זעט אויך דאָס צימער פון נתן ניומאַן, וואָס ,,ווערט ווי מיט אַ הויט פאַרצויגן״, פּונקט ווי ער הערט, שטייענדיק בײַם כותל־מערבי, ,,ווי ציינער, און ניט שטיינער, קלאַפּן זיך אָן ציינער״. דאָס זײַנען אַלץ איינצל - אַרויסגעריסענע אילוסטראַציעס צו דעם מערקווירדיק - אַנטוויקלטן חוש פאַר בילד, וואָס איז וואַך אין לייוויקן, אַ בילד - חוש וואָס טראָגט אין זיך די פלאַמיקע וויזיעס, וואָס לעבן אין תנ״ך, אַרײַנגעפּאַסטע אין ווילד - פאָרמיקע, מעכטיקע בילדער - פלאַסטן. אויפן שטאַם - בוים פון לייוויקס ליד פאַרצווייגן זיך אָן אויפהער זײַנע אויסטערליש - בילדלעכע חידושים. דאָס זײַנען אָבער אַלץ וואונדער - געשניצטע אינסטרו־מענטן, אויף וועלכע ה. לייוויק האַלט אין איין אויפשפּילן זײַן טיף - עטיש, טיף - קינסטלעריש ליד, דאָס ליד, וואו עס פיבערט דער גליענדיקער אָטעם פון די נביאים צוגלייך מיטן פײַער פון אונדזער צײַט.

אינהאַלט:

ביאָ־ביבליאָגראַפישע שטריכן 3

א. די מוזיק פון קייטן 7

ב. אין אייביקן בונד 11

ג. פון אומקום צו אויפקום 19

ד. אין שאָטן פון אַלטן פראג 28

ה. די מרידה פון גואל 34

ו. געוויין פון געוויסן 40

ז. לעקערטס באַגינען 48

ח. געראַנגל 58

ט. מענטש־עבודה 69

י. אין אָטעם פון חומש און אין ליכט פון — היינטצייט 83